# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך — פערלאג: חברת „אחיאסף".

Krakau, 15 October 1902. — פיערטער יאהרגאנג. — קראקוי, תשרי תרס"ג.

נומר 42-43


# סוכות-נומער

## אינהאלט:


א) דער קאָמיטעט פון דער מינסקער אספה (בילד).

ב) סכות. זכאי.

ג) הערבסט-ניגונים (גדיכטע). אברהם רייזען.

ד) דער אלטער ר' שמעון (סקיצע). י. ל. פרץ.

ה) דער שכור (א מעשה). אברהם רייזען.

ו) שמחת תורה (בילדער). ליפמאן לעווין.

ז) שמחת תורה אין דער קצבישער שול. שלום אש.

ח) ליטעראטור און לעבען. לצפ"ר.

ט) פאָליטישע איבערזיכט. י. ל.

י) יודישע שטעדט און שטעדטליך. א ביהן.

יא) עמיל זולא (מיט בילד). י. ל.

יב) די יודישע וועלט.

יג) דער שטן אים שמחת תורה (פעלעטאָן). יהודה שטיינבערג.



שנה חמישית „השלח" 1902

מכתב עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו"ל: חברת „אחיאסף". העורך: אשר גינצברג.

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת התשיעית (September)

וזה תוכן עניניה:

א) ספרי הזכרונות (הספרים ההיסטוריים בכתבי הקדש. א.) ד"ר ש. ברנפלד.

ב) שפת עבר החדשה (סוף). י"ח טביוב.

ג) המאירע (ציור). אחרן אברהם קאבאק.

ד) עשרת השבטים (סוף). שמעון מנחם לזר.

ה) משלי בן סירא. דוד כהנא.

ו) הנצחון (ציור). מ. בן-אליעזר.

ז) בין השמשות (שיר). מנחם מנדל הורוויץ.

ח) מספרינו החדשים (מאמר ראשון. י. ברדשדסקי). ש. פויזנער.

ט) מן המערב (שיחות ספרותיות. יא.) ד"ר ש. ב.

י) השקפה כללית (VI) ד"ר ש הלוי.

יא) ענינים שונים (ההנהגה הראשית בישראל בזמן פולמוס אספסינוס. ד"ר ש. ברנפעלד — החנוך ו„החרר" פנחס שופמאן. — שאלה י. א. — העבודה וההשתלמות. אלכסנדר ז. כהן)

יב) ידיעות ספרותיות.

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו"כ, לחצי שנה — 3 רו"כ, לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת המו"ל:

**Издательство „АХІАСАФЪ", Варшава.**

**Verlag „Achiasaf", Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע"פ הכתבת:

Administration „Der Jude" Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראָנען, 13 מארק, 17 פראַנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: חצי המחיר הנ"ל.

# „מוריה״

## חברה להוצאת ספרי חנוך.

אגדת אנשים, שעניני החנוך העברי קרובים אל לבם, יסדו בעיר אודיסה חברת „מוריה״, שמטרתה למלאות כפי היכולת את המחסורים המורגשים במקצוע הספרותי של החנוך העברי.

המחסורים המורגשים, לדעתנו, בספרות החנוך העברי בזמן הזה אלו הם:

א) **מחסור מכשירי־חנוך עברי** (כגון צעצועים ומשחקים, ציורים ותמונות) בשביל תינוקות בבית האב ובבית הספר.

ב) **מחסור ספרים מקוריים לילדים.** רוב ספרי הילדים המצויים בין ספרי למוד ובין ספרי מקרא,׳ הרי הם תרגומים או חקויים, (גם בתכנם) לספרי חנוך של אומות אחרות ואינם מתאימים בכללם לרוח לאומנו; מפני שאין בהם ממקוריותם של חיי עמנו האמתיים ושל ספרותו מכל הזמנים.

ג) **מחסור ספרות מקורית למקרא בני הנעורים** ולהשתלמותם בידיעת היהדות וספרותה אחרי גמר הנוכם בביה״ס, שתהא להם כעין מעבר מספרות הילדים לספרות הגדולים.

שלשת המחסורים האלו הם לדעתנו תולדות:

ד) הנטיה להעמיד את כל החנוך העברי על ידיעת הלשון וההיסתוריא העברית בלבד והסח הדעת מן החמר החנוכי הרב והחשוב הנמצא בספרותנו העתיקה והישנה (תנ״ך, תלמוד ומדרשים וכו׳), אשר, סוף סוף רק היא לבדה, כיצירה לאומית הקדושה וחביבה הבה עולמית לכל האומה, יכולה לתת לנו אותו הבסיס לאומי, שעליו אנו חייבים להעמיד את החנוך העברי.

כל זה גרם למחסור כללי אחר

ה) שעד עתה אין לנו מערכת שלמה של ספרי למוד קבועים ומקובלים כדי קורס בינוני שלם של הלמודים העברים, קורס מתאים בחלקיו לכללו וברוח אחד, שיהא נעשה לכתחלה ע״פ תכנית מסוימה ויהא ראוי לסמוך עליו.

את המחסורים הללו תשתדל החברה „מוריה״ למלאות כפי היכלת, ע״י הוצאות שונות המכונות ביחוד כנגד החסרונות הנ״ל:

I. **לבית האב.** ציורים ותמונות מחיי עמנו וילדיו, משחקים וצעצועים שיש להם ערך חנוכי, מתנות לחגים, קוביות וסדרי אלף־בית שונים וכדומה.

II **לבית הספר.** מערכת ספרי למוד נעשים ע״פ תכנית מסוימה, שיצטרפו לבסוף לקורס אחד שלם ל„חדרים״ ובתי ספר עברים; קורס שלם שחלקיו מתאימים לכללו והוא כלו מתאים בתכנו וברוחו לילדי ישראל; ובן ספרים וחוברות שיסתיעו בהם המורים והתלמידים; ספרי מקרא לילדים תמונות ציורים ושאר מכשירים שיש להם ערך שמושי בבית הספר, עם זה תשתדל „מוריה״ לעבד ע״י מומחים את החמר החנוכי הרב שבספרותנו העתיקה, הישנה והחדשה ולהכשירו בשביל תלמידים, ולהרחיב, בכלל, את גבולות החנוך העברי, שלא יהיו מצמצמים בד׳ אמות של למוד לשון והסתוריא בלבד.

III **למקרא בני הנעורים ולהשתלמותם.** ספרים, קובצים ולקוטים ממיטב ספרותנו הישנה והחדשה מתוקנים לקוראים צעירים, ובכלל זה **הוצאה תקופות של ספרי מקרא חדשים וישנים מאת סופרי המופת שלנו** (טיב הוצאה זו יתפרסם בקרוב).

ההשגחה על טיב ההוצאות הספרותיות של „מוריה״ וכל עניני המערכת — מסורים לועד תמידי של מורים מומחים וסופרים בעלי טעם הקבוע ועומד לכך במקומנו (באודיסא), ושתעודתו לפקח על כל המפעלים הספרותים של „מוריה״ שיהיו נעשים עפ״י שטה קבועה ובתכנית מסוימה ויהיו מכונים אל המטרה שהציבה לה „מ ו ר י ה״ מראש.

---

„מוריה״ מכרת את מעוט הכחות הפדגוגים־הספרותיים שבעמנו ולפיכך לא תרדף אחרי הכמות אלא — קב ונקי; וכשתוציא „מוריה״ מתחת ידה שנים, שלשה ספרי למוד לשנה כראוי — תהא שמחה בחלקה

„מוריה״ לא נבראת לשם תחרות. מכירת היא כל מה שנעשה במקצוע זה עד זמנה ע״י אחיים, ואינה באה אלא למלאות, כפי כחה, את החסר

„מוריה״ מיוסדת על אשיות מסחריים חזקים וסכום הגון של כסף ברשותה.

**בהוצאות „מוריה״ משתתפת גם חברת „אחיאסף״.**

ולפי שהחברה „מ ו ר י ה״ נוסדה מתחלה לשם תקנת החנוך ולא רק לשם מסחר, וכל מעשיה יהיו עם זה נעשים עפ״י תכנית מסוימה ובהשגחתם התמידית של בקיאים ויודעים בדבר — כל זה נותן רשות „למוריה״ לקוות שתעלה, סוף סוף, בידה לברוא דבר מתוקן לתועלת הדור המתגדל.

**חברת „מוריה״.**

---

### הוצאת „מוריה״.

מסורים ע״י י״ח רבניצקי, ח״נ ביאליק וש. בן ציון

בקרוב יצאו לאור ספרים אלו:

א) **ספורי המקרא.** לילדים. עם ציורים מגדולי הציירים — חלק ראשון — (כתובים בלשון המקור בלי שנוי. בפופס נלוו עליהם מבחר האגדות הנוגעות לעניני הספורים, והן כתובות בסגנון בבלי קל, ע״י ח. נ. ביאליק).

ב) **דברי נביאים.** לקוטים מנביאים אחרונים וכתובים עם באור קצר לתלמודים. חלק ראשון (הבאור כתוב ע״י ח. נ. ביאליק).

ג) **מבחר שירת ישראל.** מן ר׳ שמואל הנגיד עד המשוררים האחרונים (בכרך אחד) מבארים לבתי ספר ולבחורים.

ד) **Библейскіе разсказы** והוא תרגום רוסי לספר „ספורי המקרא״ הנ״ל. ע״י בן-עמי.

ה) **ספר מקרא.** לילדים, מאת ש. בן ציון

ו) **הזמיר:** שירי ילדים. עם טעמי זמרה. מאת נ. פינס

מחיר הספרים ותכנם המפורט — נפרסם בקרוב.

שאר ההוצאות — נפרסם דבר דבר בזמנו.


**פאריז**

בעריהמטער ראמאן

פון עמיל זאלא.

298 זייטען, גרויס פארמאט, איבערזעטצט פון י. ה. זאגאראדסקי, איז ניי איבערגעדרוקט. פרייז מיט פארטא 90 ק.

*Книжный магаз. и библютека А. Цукермана, Варшава, Налевки 7.*

**מיטעלען צום לעבען.**

אללע לעהרעס וועלכע איך לעהרען מאכען: זייף, ברען־עהל, שוה־וואקס, וואגענשמיר, גלאזור, שפיעגעל־פאבריקאציאן און נאך פיעל אנדערע (ביז 48 ארטיקעלן) האב איך צוזאמענגעשטעלט אין א בוך פיר וועלכע איך נעהם

נור 1 רובעל.

איך אנטווארטע אויף פראגען, אויך שיקקע איך ראהמאטעריאל לויט פערלאנג.

**I. M. MATUSON**

Warschau, Mila 17.

פאנאמא וייף!

„ABRUSS“

צו וואשען דאמסקע און מענזקע גארדעראבען. רייניגט אלערליי פלעקען. הויפט פערקויף און אפטעקען סקלאר:

607 J. Prutman

אין ווארשוי לעשנא נו׳ 97.

608 **זכרון**

כל איש יחזק ע״י חליפת מכתבים בשפ״ע הפרופיססור לחכמת המנימונקה, חבר האקדמיה הפריזית, מורה חכמת חזוק הזכרון זה ט״ו שנה ש. פיינשטיין.

הפרוספקטים ישולח לכל דורש הנם.

*Одесса, Главное бюро укрѣпленія памяти, Коблевская с. д. No. 191 Профессору мнемоники С. Файнштену.*

ווער עס וויל האבען א געזונטען מאגען זאל קומען צו מיר מיטאגעי ווער עס וויל האבען פרישע עסען זאל מיין אדרעסע נייטש פערגעסען ל. לעווין געגשא 18, פארטער.

581

**לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!**

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים:

Я. Нейдичъ Варшава.

פראספעקט ישולח חנם לכל דורש

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 42-43

דער פרייז פיר רוסלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ
די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג
פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.
די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

Krakau, 15 October 1902. — נומר 42-43 — קראקוי, תשרי תרס"ג.

## דער קאמיטעט פון דער „מינסקער אספה.



פראפ. בעלקאווסקי. הרב ראבינאוויץ. דר. טשלענאוו. אינזשינער אוסישקין. אדוואקאט יאסינאווסקי. י"ל גאלדבערג.
דאקטאר ברוק. אדוואקאט ראזענבוים. אינזשינער טעמקין.

# סכות.

די סוכה איז אין אנהויב געווען נור צו דערמאָנען, זי איז געווען נור א אַנדענקען פון אמאָל. „זיעבען טעג — זאָגט די תורה — זאָלט א הר זיצען אין סוכות, כדי אייערע קומענדע דורות זאָלען וויסען, אז אין ביידליך האָב איך געזעצט אייערע עלטערן, א ר ו י ס פ י ה ר ע ד י ג ז י י פ ו ן מ צ ר י ם".

שפּעטער אָבער, ווען יודען האָבען זיך בעזעצט אין זייער לאַנד און געוואָרען א פאָלק פון ערדאַרבייטער, א פאָלק וואָס לעבט פון זיין כּשר'ער מיה און קוקט שטענדיג צום הימעל, ער זאָל איהם געבען טהוי און רעגען אין דער געהעריגער צייט, און צו דער ערד — זי זאָל איהם געבען ברויט און פּרוכט, — דאַמאָלס האָט שוין די סוכה בעקומען א גאַנץ נייעם כאַראַקטער; אמת, זי האָט נישט אויפגעהערט צו זיין א ה י ס ט אָ ר י ש ע מצוה, א זכּרון פון אַמאָל, אָבער דער־הויפּט, דער עיקר איז זי געוואָרען, א צייכען, א בילד פון פאָלקס־לעבען היינט. דער זומער האָט זיך געענדיגט, אלע תבואות זענען שוין לאַנג אַראָבגענומען פון די פעלדער און אויסגעדראָשען, אלע פּרות פון די בוימער אָבגעקליבען, די וויינטרויבען שוין אין די קעלערען. דאָס פרייע פאָלק וואָס לעבט פון דער נאַטור און איז אָבהענגיג פון דער אייגענער אַרבייט, מאַכט זיך סוכות, פּאַלאַטקעס אויפ'ן פרייען הויף אין גאָרטען, ביי די שייערען און קעלערען, זעהט פאַר זיך די פרייע נאַטור, די מוטער־ערד וואָס האָט איהם געשפּייזט, די פעלדער, די גערטנער, וואָס האָבען איהם פערזאָרגט מיט ברויט אויף א גאַנץ יאָהר, און דאָס פאָלק איז פרעהליך, דאָס פאָלק איז גליקליך.

מיר פערשטעהען, פאַר וואָס דער סוכות האָט דאַמאָלס געהייסען „זמן שמחתנו" (צייט פון אונזער פרייד). עס איז טאַקי ניטאָ קיין גרעסערע שמחה, קיין בעסערע פרייד פאַר א פאָלק, ווי צו זיצען אויף זיין א י י ג ע ן לאַנד, לעבען פון א י י ג ע נ ע ר מיה, זיין אָבהענגיג נור פון זיך אליין...

מיר פערשטעהען, פאַר וואָס די תורה האָט געהייסען דאַמאָלס די יודען: „נעהמט דעם ערשטען טאָג א פּרוכט פון שענסטען ביים, א צווייג פון א פערפלאָכטען ביים און ווערבעס פון טייך און פ ר ע ה ט אייך פאַר גאָט". די פרייד איז טאַקי א נאַטירליכע: די פּרוכטען זענען אייגענע, די בוימער אייגענע, די ערד, דאָס פעלד, וואַלד, באַרג און טייך — אלץ איז אייגענס. אויף אזא פרייד בעדאַרף מען גאָר ניט ה י י ס ע ן, עס פרעהט זיך אליין; דאָס פרעהליכע האַרץ גיסט זיך אליין אויס...

באַלד אָבער האָט די סוכה פערלאָרען איהר צווייטען, ממשות'דיגען כאַראַקטער, זי ווערט צוריק נור א זכר, א אַנדענקען פון אַמאָל.

און דער אַנדענקען איז א דאָפּעלטער, א זכר פון אויסלייזונג פון מצרים און אַ זכר פון אַמאָליגען גליק, וועלכעס איז אין גאַנצען אנטלאָפען, פערשוואונדען געוואָרען...

מיר זיצען נאָך אלץ אין דער אלטער, היסטאָרישער סוכה, אָבער וואו שטעהט זי היינט און וואָס זעהען מיר אַרום איהר? נישטאָ קיין לאַנד, נישטאָ קיין פעלדער, קיין פּרוכט, קיין בוימער... דער קאַלטער אָסיען־ווינט בלאָזט אויף אונזער סוכה'לע פון אלע זייטען און וויל אויסלעשען דאָס יום־טוב ליכטיל, וועלכעס מיר האָבען אַהין אַריינגעשטעלט... אין א ווינקעלע אויף אַ פרעמד הויף איז אונזער סוכה פעררוקט, בעהאַלטען פון שפּאָטישע אויגען, און דאָך טרעפט אויך אַהין אמאָל א שטיין און דער ווינט וויל זי אויך דאָרט איבערקעהר־ען...

אמת, די היינטיגע סוכה האָט נאָך אלץ א ממשות'דיגען כאַראַקטער: זי ווייזט אונזער איצטיגע לאַגע, ווי אונזער גאַנץ לעבען איז צונויפגעשטיקוועט, צונויפגעקלאַפּט חאַפּענדיג, לאַפּענדיג; ווי אונזער גאַנצער בעשטאַנד איז ווי אויף היהנערשע פיסליך... אָבער וואו איז די שמחה? ווי קענען מיר היינט רופען דעם סוכות „זמן שמחתנו"?

מיר נעהמען נאָך היינט אויך די פיער מינים אתרוג, לולב, הדסים מיט ערבות. אָבער פון וואַנען שטאַמען די פיער מינים, מיט וועלכע

# פעלעטאָן.

## דער שטן אום שמחת תורה.

דער שטן, ימח שמו, איז אַרויס פון שופר קוים לעבעדיג: שיער ניט דערטרונקען אין טרעהרען און פערטויבט פון צוויי הונדערט תקיעות.

צובראָכען, אונטערגעשלאָגען, פערשעמט — האָט ער נאָך די לעצטע פּראָבע געמאַכט יום־כּפּור צו נעילה — האָט עס איהם מיט'ן לעצטען שופר־בלאָז אזוי פערבלאָזען, אז ער האָט קוים דעם וועג צום ניהנום אָבגעזוכט.

און צוריק צום ישוב איז ער אָנגעקומען ערשט אויף די אַנדערע טעג סוכּות.

געקומען איז ער שטאַרק אויפגערייצט: „ס'איז א פאָלק! דאַכט־זיך — הויט און ביינער! קיטלען מיט טליתים! און אז ס'קומט צו עפּיס, א'ז דיך עס נובר מיט תעניתים, מיט טרעהרען, מיט שופרות, מיט לולבין און הושענות."

שמיני עצרת פאַר נאַכט... יודען זיצען — יעדע קלויז ביי איהר גבאי, און מ'איז עוסק אין שמחת יום־טוב.

פון שניידערישען קבוק'ל הערט זיך אַרויס א קול, חאָטש וואָס באמת — נאָך ניכטער, נור אויפגעלעגט, פרעהליך: „אנקת מסלדיך!"

עס געהט פון מויל געקרייזעלט און געקנייטשט, צוגעפרעסט און אויסגעדרעהט, גלייך נור וואָס פון חזן'ס מויל אַרויס!

דעם שטן לויפט א גרויל דורך איבערן לייב: ער דערמאָנט זיך אין נעילה... אוי, וואָס פאַר א צרות דער „אנקת מסלדיך" האָט איהם אָנגעמאַכט! ממש, עס נעמט איהם אָב דעם לשון.

זיינע טויזענד אויגען צוברענען זיך, ווי, להבדיל, טויזענד שטערן אין הימעל, אָדער, ניט להבדיל, טויזענד קיילען פייער אין ניהנום. ער וואָלט די אַלע קלייזליך וועלען אונטערצינדען, איינשלינגען אָדער חאָטש — פער'חתמ'נען!...

עס האָט זיך געוויזען, ווי א ווירער־שיין פון ערגיץ א ווייטען בליץ אין דער נאַכט... דורך אזעלכע בליצען רעדט דער הימעל מיט'ן שטן. צו אָפענע בליצען איז ער ניט זוכה.

„האַלט פּיסק! — הייסט עס אויף יענעם לשון: ס'איז ניט דיין שעה!

דער שטן האָט געהאַט געעפענט א פּיסק איינצושלינגען, און האָט געמוזט ענדיגען מיט א געניץ...

„טייוועלשע משפּחה! — ברומט ער פון כּעס, און דרעהט אויס א פיילען־בויגען פון א וואָנצע: — פרעהען ווילען זיי זיך?! ניין, זיי וועלען זיך ניט פרעהען! איך דאַרף עפּיס אַזוינס אָבטהון, אז ס'זאָל זיי שטערען די שמחה".

און פייל אויס'ן בויגען איז ער אַריין צו דוואָסיע דער שענקערין אין קעהלער אַריין. יענע איז פערנומען געווען: געצאַפּט ווייך פאַר די קבוק'ליך, און... צוגעגאָסען וואַסער... דער שטן האָט זיך גענומען אלץ אונטערשלאָגען די האַנד, וואָס האָט געגאָסען וואַסער...

„ווייך ווילען זיי טרינקען! — ברומט ער — וואַסער איז זיי קליין צו טרינקען?! וואַסער, וואַסער! וואָס מעהר וואַסער! פרעהט אייך איבער וואַסער, אז איהר קאָנט!"

די תורה האט אונז געהייסען זיך פרעהען? דער שענער אתרוג איז געוואקסען אויף פרעמדע בוימער, אין פרעמדע גערטנער, (דערצו נאך ביי אונזערע ביטערסטע שונאים, ביי די גרעקען...) דער טרוקענער לולב שטאמט אויך פון דארט, דער הדס איז א פרעמדער, אפילו די בילינע ערבות קויפט מען פאר א פאר גראשען ביים פויער, וואס האט זיי אנגעשניטען ביי זיין טייכיל! וואס פאר א שמחה איז היינט ביי אונז?

אונזער שמחה אין דעם יום־טוב איז טאקי ניט קיין נאטירליכע, זי איז אבער א מצוה... מען מוז זיך פרעהען, אפילו ווען עס ווילט ויך גאר וויינען.

מיר מוזען ק י נ ס ט ל י ך אונז פרעהען, כדי מיר זאלען ניט פערגעסען, אז עס איז פארהאן פרייד אויף דער וועלט; די תורה האט אונז ג ע ה י י ס ע ן זיך פרעהען, כדי מיר זאלען זיין פעהיג צו לעבען, צו זיין פרעהליך שפעטער, ווען די אמת'ע פרייד וועט קומען צו אונז... און קומען וועט זי. דאס זאגט אונז די סיכה גאנ'ץ דייטליך:

וויפיעל געביידען, וויפיעל פעסטונגען, זענען שוין אויסגעריסען געווארען אין דער מענשליכער געשיכטע, און אונזער שוואך סוכה'לע האט זיך נאך אלץ ניט אויסגעריסען, קיין שטורם־ווינד האט עס נאך ביז יעצט ניט אויסגעריסען, קיין כח אין דער וועלט האט זי ניט צוטראגען... פאר וואס? ווייל אין איהר שטעקט א איבערנאטירליכער כח, ווייל זי שטעהט דורך וואונדער, און וואונדער ווארטען אויף איהר אויך שפעטער...

די סוכה דעמאנט אונז די ביידליך, אין וועלכע אונזערע עלטערן זענען געזעסען ארויסגעהענדיג פון מצרים. דער גלות פון מצרים האט אלזא געהאט א סוף... זיצען אין א ביידיל אין דער מדבר, אין דער טויטער נאטור, איז געוויס ניט בעסער געוועזן ווי זיצען אין דער היינטיגער סוכה אין דאך האבען זיך די מדבר־טעג געענדיגט...

און דערמאנענדיג די גליקליכע צייטען פון דער סוכה, ווען זי איז געשטאנען אויף אונזער לאנד, בעדארפען אונזערע געדאנקען און הערצער פליהען אהין, אין יענעם לאנד, וואו אונזער גליק האט געשיינט און מיר בעדארפען פארט האפען, אז פון דארט וועט ווידער אונזער גליק אנהויבען שיינען. ביי אזעלכע געדאנקען, וועט אונזער האפנונג אויפבליהען, און זי וועט אונז געבען מוטה און כוחות צו ווארטען אויף דעם נייעם לעבען, ווען אונזער סוכה וועט אויפגעריכט ווערען ווי אמאל און וועט צוריק שטעהען דארט, וואו זי איז פערצייטענס געשטאנען: אויפ'ן בארג ציון!

זַכַּאי.

---

## הֶערְבְּסְט־נִיגוּנִים.

I.

### דָאס בּוֹימֶעלֶע.

אָט שְׁטֶעהט דָארְט אַ בּוֹימֶעל
גָאר עֶלֶענְד אַלֵיין;
דֶעם ווִינְטֶער דֶעם גַאנְצֶען
אַזוֹי ווֶעט עֶס שְׁטֶעהְן.

עֶס ווֶעט אִיהם פֶערְשִׁיטֶען
אָהְן מִיטְלֵייד דֶער שְׁנֶעע —
אִיךְ קוּק אוֹיף דֶעם בּוֹימֶעל,
אוּנ ס'טְהוּט אַזוֹי ווֶעה.

און צִיהֶען זִיךְ, צִיהֶען
דֶער ווִינְטֶער ווֶעט לַאנְג,
אָהְן ווַארִימֶע שְׁטְרַאהְלֶען,
אָהְן פֵייגֶעל־גֶעזַאנְג.

אַרוּם, ווִי אַ חוּרְבָּן
אַלֶץ נַאקֶעט אוּן בְּלוֹיז,
דֶער ווִינְד נוּר ווֶעט הֶערְשֶׁען
אוּן לֵיאַרְעמֶען בּייז...

---

דוואסיע צאפט... דער שטן שלאגט אונטער... דוואסיעס בתולה קלאגט זיך: די הענד ברעכען זי שוין, טראגענדיג אין קעהלער די קאנען וואסער... יודען טרינקען און ווערען שכור.

„טריי־ריי! לחיים, משה'ניו! משה שמח בשמחת תורה!"...

דער שטן ווערט אקארשט צושפרונגען פאר וועהטאג: ער רעכענט אויף די פינגער, וויפיעל פלעשליך מ'האט אהער געטראגען... ער רעכענט אראב, וויפיעל וואסער מ'האט צוגעגאסען, וויפיעל טרינקערס דא איז פאראן, און עס חאפט ניט אן אויף איינעם אפילו א לייטישער שלונג ריינעם וויין, וואס א לייטישער יון שלינגט איין אין א וואכענדיגען טאג, גלאט פון אפעטיט וועגען...

„פון וואנען איז עס פרעהליך? פון וואס איז'ס שכור?

צי קומט עס א פנים אהער שוין פארטיג שכור פון נעכטען?...

און ווין טרינקט עס נור לפנים?

נו, אז שכור, זאל שוין זיין שכור! איך וועל זיי אזוי פער'שכור'ן, אז זיי וועלען זיך איינער דעם אנדערען די קעפ אבברייסען! די מאנען וועלען שלאגען די מעוברת'ע ווייבער וייערע און די ווייבער... וועלען זייערע מאנען ניט דערקאנען!... שכור — זאל זיין שכור!"

באלד געלאפען צו דוואסיען, אריינגעשריען אין קעהלער אריין:

„דער רעוויזאר געהט!"

יענע האט זיך געביך שטארק דערשראקען, מחלל יום־טוב געוועזן, פערלאשען דאס ליכט פון שרעק... א קליינינקייט, מיט וואס דאס שמעקט?!

די ווייסט ניט וואס איין אקט האט[illegible] וועט נעהמען דעם אקט אויף זיך? [illegible]

איז עס דען א מאכל — זיצען תפוס צווישען א עם רב?! די שטוב וועט בלייבען אהן א בעל־הבית'טע. די פרנסה וועט חס־ושלום געהען צו גרונד. אוי, רבונו של עולם, ניט די שעה זאל עס זיין!

זי איז ארויס פון קעהלער, זיך ארומגעקוקט... מע זעהט ניט קיינעם.

צי זאל זי אפשר פערמאכען דעם קעהלער? ניט שפיעלען זיך מיט'ן שטן!... אריינגעהען און...

איין גאט ווייסט דעם אמת! די כלים וויין זענען ניט איהרע. אויף א משכון גענומען... ס'קאסט איהר עיסקא... אז ניט היינט, ווען דען? גוטע צייטען, אימשטיינס געזאגט! אין דער וואכען קריכט ניט קיין וויין אין האלז אריין!

זי בלייבט שטעהן, רעכענט זיך אויס: בלי נדר נאך יום־טוב — דאס דאך פערריכטען, פאר האלץ בעצאהלען, אז ניט וועט זי ניט קאנען קיין ניי וועגעלע האלץ בארגען... דער חוב שלעפט זיך אזוי אויך נאך פון פאר יאהרען ווינטער... אביסיל שכר למוד... עפים לייבעליך די קינדערליך... עפים פון זינדיגען מאנען וועגען, אומשטיינס געזאגט... אזא לאנגער ווינטער! נאך א מול, וואס ניט קיין עבור!

לעת עתה האט זי דער רעוויזאר נאך ניט געחאפט. זי מעג נאך דערווייל לעזען... זי וועט זיך אלע מאל ארומזעהען...

זי מאכט זיך הארץ, זינגט זיך א ליעדיל און קעהרט זיך אום צו די פעסליך. [illegible]

[illegible] זינגען זינגט זי [illegible] עס פאלט איהר [illegible] פון די הענד... עס ווייזט זיך [illegible] אלץ אוים [illegible] זי [illegible] אלע מאל ארויף [illegible] קוקט זיך אום און קעהרט זיך אום צוריק.

איך וואַרף צו דיר, בוימעל,
מיין פייכטליכען בליק:
צי וועל איך דיך טרעפען
אין זומער צוריק?...

---

II.

## נאכט און קאלט.

נאַכט און קאַלט. דאס קליינע שטיבּיל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אוים —
און דאס אָרימע געזינדיל
קען פון דאַרטען ניט אַרוים.

און די שויבען פון די פענסטער
קוקען אזוי שטאר און ווילדה,
ווי די אויגען פון געשטארבּנע — —
דרויסען שפּיעלט דער ווינד און שפּיעלט.

ס'שפיעלט דער ווינד אַ מתים־ניגון
הינטער'ן שטיבּיל, אויף דער גאַס,
און די מתים אינ'ם שטיבּיל
האָרכען איהם אָהן צער, אָהן כעס...

אברהם רייזען.

---

## דער אלטער ר' שמעון.

זיין שופר, זיין שופר־בלאָזען און די מ נ י ע ו ת — אייגענע און פרעמדע.

— עפּיס איין אוצר מוזט איהר האַלטען אונטערן אָרים, ר' שמעון! מיט אַ ציטערדיגער האַנד דריקט איהר עס צו צום האַרץ און דער נחת קוועלט אייך פון די אַלטע אויגען אַרוים.

— אי — שמייכעלט אביסיל פערלעגנע ר' שמעון — מיין שופר איז עס, מיין יום־טוב'דיגער שופר!

— יום־טוב'דיגער?

— הערסט דאָך, איך האָב שוין אַזאַ מנהג — אין אַ וואָכענדיגען אלול־טאָג בלאָז איך אויף אַ פּראָסטען שופר, דער איז אַ טהייערע, אַ פיין אויסגעאַרבייטער, אַ יום־טוב'דיגער!

און ער נעמט איהם אַרויס פון אונטער די אָרים און קוקט אויף איהם מיט ליעבשאַפט. אַ קליין שופר'ל, איין אַש־גראָה'ס, אַ דינס, נאָר אַ חנו'דינס... אויסגעקרומט ווי אַלע שופרות, נאָר הנו'דיג פערקרומט, ווי אַ קינדערישע העויה...

און ער גלעט איהם מיט ציטעריגע פינגער. הוינט איהם העכער צו דער באָרד און גלעט איהם מיט די לאַנגע, פיינע זילבערנע האָהר. און ביידע „קדושות" מישען זיך אוים — דער הייליגער אַש־גראָהער שופר מיט דער הייליגער זילבערנער באָרד און די אַלטע אויגען זיינע לייכטען אזוי קינדיש נחת'דיג, אַזוי יונג..

— איהר האָט ליעב דעם שופר?

— ס'לעבען! ווייל איך האָב דאָס שופר־בלאָזען ליעב!...

מיין פאָטער עליו השלום איז אַ פּאַכטער געווען, מיר האָבען אין דאָרף געוואָהנט, און — אַ יונגיל, פלעג איך מקנא זיין דעם פּאַס־טוך מיט'ן פייפעריל... ער פייפט, און, אויפ'ן קול פון זיין פייפעריל, פערזאַמלען זיך אַרום איהם די שאָף, לעגען זיך אַרום און אַרום און קוקען איהם אין די אויגען אַריין...

אַ שופר איז אָבער העכער — ער זאַמעלט נ ש מ ו ת צונויף, יודישע באַרג־סיני־נשמות.. און ז י י הערען זיך איין!

איך האָב ליעב דאָס שופר־בלאָזען...

— נישט שטענדיג — פערבעסערט זיך ר' שמעון — יום־כפור די תקיעה־גדולה נישט... איך נעם דעם שופר צום מויל, און אַ האַלבער עולם ליגט שוין אונטער די בענק — איך קוק מיך אום און עס זעהט מיר אוים, ווי אַ פעלד נאָך אַ שטורם־ווינד, דריי־פירטעל תבואה צו דער ערר געבויגען — און דאַ דאַרף געהן אַ תקיעה־גדולה — — עס פּאַסט גאָר נישט...

---

„איין מינוט, רבונו של עולם! איין מינוט, איידער דער רעוויזאָר וועט אָנפאַלען, זאָלסטו מיר אַריינשיקען אין זין אַריין אוועקצולעגען. אין זכות פון די קינדער! פון שווערען ביטערען ווינטער!..."

איהר איז באמת שווער געוען צו געפינען, וואָס איז ערגער: זיצען אין תפיסה, אָדער אַ הונגעריגער קאַלטער ווינטער.

איהר איז געפאַלען פון די הענד; וועמען זי האָט געדאַרפט געבען צוויי קוואָרט, האָט זי גענעבען פיער; האָט זיך יענער נעשפּאַרט, ס'ערשט דריי, האָט זי נאָך צוגענאָסען. פון איילעניש האָט זי זיך טועה געווען, און גענומען צאַפּען פון יענעם פעסיל אַלטען וויין, וואָס נור קראַנקע טרינקע איהם. אַ פיערצינער אַ ליטער צאָהלט מען איהר פאַר איהם!

פון באַרג האָט זי די נאַכט קיינעם ניט אָבגעזאָגט: „שטעל איך מיר דאָס לעבען איין, טראַכט זי זיך, זאָל איך חאָטש וואָס מעהר לעזען!"

דער עולם האָלט שוין ווייט... דוואָסיעס וויין קריכט אין קאָפּ אַריין, וואַרפט גבורים פון די פיס!

דער שטן קוועלט אָן: אצונד, זאָגט ער, דאַרף מען זיי נור אַ פוס אונטערשטעלען. מע דאַרף אַט חאָטש אַ באַאַנער חסיד אַזוי על פּי טעות צווישען די סאָדיגערער אַריינפיהרען... ס'וועט זיך פערפיהרען איין עסק. וואו פעטש — פאַנטאָפּעל און אָפשר טאַקי קולאַקעס וועט ניט פעהלען!... און לאָזען זיי וויסען פון שמחת יום־טוב!"

הירשעל שנָק, אַ באַאַנער געשוואָרענער, לויפט איבער דער גאַס, גלייך ער אַנטלויפט פאַר עמיצען. ער אַנטלויפט פון דערהיים... פאַר דער אַרורה... זי איז איהם מקצר די יאָהרען! ס'האַלט זיך רק ביי זיי קיין קינדער ניט — ניט דאַ נעדאַכט! ערשט פאַר יום־טוב — אַ שבועה אָבגעזעסען. זי טענה'ט, ווען זי זאָל פאָהרען, וואָלט זי זיך ביי איהם, זאָל לעבען, אין נאַרטיל איינגעשטעקט. „מילא פּרנסה, זאָגט זי, אויך דאָס אייגענע — שטוים איך ווי אַ פיערפיסענדיגע. נאָר קינדער?! אפילו פאַר'ן רבונו של עולם וואָלט איך זיך ניט געשעמט"!

— אביסיל איז זי גערעכט; נאָר דאָס איז אַ צייט אין דער וואָכען, אָבער פערשטערען יום־טוב? וואָס וויל זי מיט „כביכול" אין מלחמה געהען?!

ער האָט קוים דערלעבט דעם פאַר נאַכט, אַרוים פון אונטער די מרה־שחורה'דיגע פיער ווענד און אוועק פון איהרע געזאַלצענע זיפצען. עס געהט איהם נאָך דאָס ווידער־קול פון די זיפצען אויך אויף דער גאַס. די זיפצען דערמאַהנען איהם וואָכענדינגס, טרויריגס. זיי דערמאַהנען איהם די לעצטע קרעכצען פון דעם קליינעם בן־יחיד, ווען...

— עט! מע דאַרף מסיח דעת זיין דערפון. ס'איז מעשה שטן!

ער לויפט אויף דער גאַס און שמעקט אין די אָפענע טיהרען. ער וויל אויפ'ן חוש הריח דערקאָנען, וואו זיצען ערניץ „אנשי שלומנו?" ער אַנטלויפט צו זיי אויף הילף. זיי וועלען איהם מציל זיין פון דער מרה־שחורה.

און שמעקענדיג, איז ער זיך טועה, און ווערט פערבלאָנדזעט צו די „סאַדיגערטשיקעס"...

„אַ—אַ—א גוט יום־טוב! לויפט איהם אַקעגען שמשון חלאַפ: אחינו אתה! מזל־טוב, מזל־טוב! הירשעל איז זיך מגייר אויף אַ סאַדיגערטשיק!"

הירשעל שפּאַנט אוים אַפּאַר אויגען, וויל עפּיס ענטפערן, נאָר דער פרעהליכער עולם שטעלט זיך איהם אַרום מיט גלעזליך וויין אין די הענד...

גאַנץ אלול איז אויך דאָס שופר־בלאָזען קיין שופר־בלאָזען נישט.

וואָרום וואָס? אַ וואָכענדיגער עולם, אַ קליינער און אַ צושפּריי־טער, דער אַרויף, דער אַראָב... דורך די אָפענע פענסטער רייסט זיך אַ־יין דער מאַרק... קולות פון יודינעס, להבדיל פון פויערען... אויפ׳ן שוהל־הויף בלאָזט ווייסע חברה... איך בלאָז און זיי בלאָזען... מבולבל ווערט מען!

ס׳אי־נישט!

ראש השנה איז עפּיס אַנדערש!..

דער גאַנצער עולם שטעהט אין די טליתים מיט די בליצענדיגע עטרות — בני־מלכים שטעהן.. און צושאָקעלט זענען זיי ווי די פרישע גרינע זאנגען אויפ׳ן געבענשטען פעלד, און עס רוישט ווי אַ וואַלד, ווי אַ טייך — — —

— עפּיס קענט איהר, ר׳ שמעון, אַן דאַרף נישט פערגעסען!

— גוטע צייטען געווען... מיין ״גירסא דינקותא״ — וואַלד און טייך, און איין אַלטע מיהל איז געשטאַנען אויפ׳ן טייך...

און אַז עס איז אַ ווינד געוואָרען, און דער וואלד מיט׳ן טייך האבען אָנגעהויבען רוישען, פלעג איך — אַ נאַריש יונגיל — טראַכ־טען, זיי זאָגען למנצח, און דער הימעל וועט שופר בלאָזען.. עט.. אַמאָליגע צייטען...

— און היינט, ר׳ שמעון?

— היינט, אַז עס קומט מיר אויס פאַר פסח פאָהרען אין דאָרף אַריין כשר׳ן די מיהל, און דער וואַלד רוישט, און דער טייך רוישט, דאַכט זיך מיר: זיי בייזערן זיך! זיי בייזערן זיך אויף מיר.. זיי בורציען: ווי קומסט דו אַהער אַרויסגעטריבענער! נור אין מקום קדוש, אַז דער עולם צו׳רעש׳ט און צושאָקעלט זיך, שטעהט מיר פאַר די אויגען דער אַלטער גוטער וואַלד, הער איך דעם אַלטען גוטען טייך... און ער רוישט וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ פלאַם! ווי אויף פלינעל הויבט זיך די פלאַם, אַ ים פון פייער, און רייסט זיך דורך די ווענ־, און הויבט זיך און ברעכט דורך דעם סופ׳ט, — אין דער וועלט אַריין צום הימעל נעהט זי די פלאַם, דער ברענענדיג־קאָכענדיגער „למנצח״!..

„און פלוצים האקט זיך אַלץ אָב, — עס ווערט פערשוואונ־דען — שטיל — גאַר שטיל — דער עולם האַלט דעם אָטהעם איין.. מען הערט, ווי די ליכט פאַר׳ן עמוד און אויפ׳ן שלחן ברענען און צישען אין דער הייליגער היץ..״

„אויף מיין תפלה וואַרט עס דער עולם, אויף מיין ברכה!״

„דערנאָך נעם איך דעם שופר אין מויל אַ־יין.. דער דין זאָגט אונטער און איך גיב אַרויס תקיעות, שב־ים, תרועות... קולות קלאָרע ווי אַ וואַסער, קולות קריסטאָלענע, קולות זילבערנע, ריינע״ — — —

און דער קינדערישער נחת בליצט איהם ווייטער אויף אין די אויגען.

— קיין עין־הרע, ר׳ שמעון, אין אייערע יאָה־ען!

— ווי — ענפערט ער מיט אַ גרימאַסע — אַזוי בין איך אַ פליג... בלאָז, פליה איך אַוועק...

— און ביים שיפּר — אַ לייב?

— ווי שייך צו זאָגען, נור ממש אַ לייב!

— און שטענדיג געראָט אייך...

— ווי שייך שטענדיג? ס׳מאַכט זיך מניעות...

— למשל? דער שטן לעגט זיך אין דער ברייט?

— אי... פאַרהאַן ערגערס! אויפ׳ן שטן האָט מען סגולות... זיכע־רע, אויסגעפּריוועטע... אַ׳ניט, טהוט מען ווי דער בערדיטשעווער זאָל איוואַן — שופר בלאָזען...

— וואָס דען?

— אַ דאגה?! אַמאָל מעשה שטן האַפּט מיך אָן אַ ה־זט... איין אַלטער הי־סט... קומען קומט ער פון תשליך, שוין אַ יאָהר פ־ערציג...

מע עפענט איהם דאָס מויל... מע צעהלט איהם גלעזיליך אין מויל אַריין, צושפּרעכענדיג דערביי: „וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי, וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי!״

הירשעל איז זיך מְיַשֵׁב: „טאַ, בקצור! לְעֵת עַתָּה איז׳ס דאָך אויך דעם אַלטען רבי׳ס אַ קינד!״ ער טרינקט לחיים.

„לחיים, לחיים! — שרייט דער עולם — מַאֲרִיךְ יָמִים זאָל זיין דער רבי מיט׳ן באַיאַנער אויך!״

— אמן — דער רבי מיט׳ן סאַדיגערער אויך״! — שרייט שוין הירשעל פרעהליך.

און אַ וואָרט אום אַ וואָרט... אַ גלעזיל אום אַ גלעזיל — מע נעמט זיך אַרום „שֶׁבֶת אַחִים״... מע נעהמט אַ רִקוּדִ׳ל, מע זינגט דערביי: „וּבְכֵן צַדִּיקִים יִרְאוּ וְיִשְׂמָחוּ״. נאָר מיט׳ן נוּסַח פון „שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב״ — און עס טאַנ־צען טיש און בייגק... און עס זינגען די ווענד... און די וואָכענדיגע אָרורה איז אַ יום־טוב׳דיגע אֵשֶׁת חַיִל, און שטעהט פון ווייטען, און קוקט אַראָב און קוועלט אָן, וואָס מע מאַכט איהר גריבער אין די ערד, וואָס זי האָט זיך ערב יום־טוב אַזוי געפּלאַנט, איידער זי האָט זי אויסגעגלייכט. זי וואַרפט איין אויג צום פּריפּעטשאָק און ווערט נאָך פרעהליכער, דערמאָ־נענדיג זיך, אַז זי האָט נאָך דאָרט מיט וואָס אויפצוגעדמען דעם עולם נאָכ׳ן טאַנצען.

און דאָס רעדיל דרעהט זיך... און פיס וואַרפען זיך אין דער לופ־טען, גלייך זיי ווילען זיך מיט אַמאָל אָברייסען פון דער זינדינער ערד, און אַוועקפליהען ערגיץ ווייט אַוועק — אַוועק אין הימעל אַריין!...

דער שטן האָט אַ קריץ געטהון פאַר כעס מיט די ציינער און איז אַרויס.

„ניט געטראָפען!... מע דאַרף זיך אַריינהאַפּען צווישען די שניידערס, דאָרט מוז איך שטערען די שמחה.״

ביי די שניידערס האַלט מען שוין נאָך ווייטער: „בע־קע פאַרטאַטש״ האָט זיך שוין גאַר פערלאָרען; ער זינגט „שושנת יעקב״, איהם ווייזט זיך, ס׳איז פורים.

„יחזקאל דער שטומפינער״, מיט „שלמה פּראָקיר״ האָבען זיך אַרומ־גענומען און צוקושט... „אוי, בררורודר!... הליפּעט איינער: איי, האָב־דיר ליעב! ליעב! ווי מיין לעבען!״

„כ׳בין אַ הולטיי, וויינט יענער: אַ הולטיי! אַ זדיג... אַ זינדיגע נְשָׁמָה!... אַ בָּשָׂר בְּדָם!...״

— ט׳האָסטו דיר שכורים! — טראַכט זיך דער שטן: נאָך אַ גלעזיל וויין, וועט נעהען אַ גאַנצער על־חטא! נאָך גוט, וואָס עס פאַלט קיינעם ניט איין אַ שופר צו נעהמען!

„דאָך, מע דאַרף אַ פּרוף טהון איינעם אַ שכּור אין קיך אַריינשטו־פען... אֶפְשַׁר וועט עפּיס דאָרט אַרויס!...״

נאָר די בעל־הבית׳טע אַנטלויפט פאַר שכורים! זי איז מפקיר די קאַטשקע, דאָס געבראָטענע העלדזיל, — די גאַנצע קיך! זי אַנטלויפט אַפילו פאַר איהר אייגענעם מאַן, ווען ער איז שכור!

עס ווערט שפּעט... די קבּוצ׳ליך ריהרען זיך אין די קלויזען אַריין... די ערד לעבט אויף!... עס ציהען זיך קופּקעליך יודען איבער די גאַסען אויף כלומר׳שט מיט דרך־אֶרץ... איינער האַלט דעם צווייטען אונטער און האָט דערביי אַ מיין, ער זאָל זיך אין יענעם אָנשפּאַרען... ער פערטרויעט זיך היינט ניט זיינע אייגענע פיס...

אוודאי א יאָהר פיערציג... וואס זיי פאַלט איין, ניט א פּריסטאַוו ארויס א גזרה, מען זאל נישט וואַרפען קיין ושידאַויסקי קרישקאלע אין שטאָדט־טייך אריין !.. אין ירושלם, זאגט ער, וועט איהר אלץ מעגען...

נו מילא, אַז ער זאָגט ניין, פערגנבי׳ט מען זיך... געהט יעדערער בעזונדער, נאר אלע קומען זיך צוזאמען. בעמערקט מען, הויבט מען אָן צו יאָגען, אַנטלויפט מען, פערשוויצט מען זיך. לויפט מען זיך אַבקיה־לען אין מקוה אריין...

בין איך אַבער א שוואַכער, חאַפּ איך א לונגען אַנציִנדונג ! ברוך־השם, נעזונד געוואָרען, נאר א זכר איז מיר געבליבען דער הוסט... האַפּט ער מיך אָן, צוברעכט ער מיך אברים־ווייז...

מאַכט זיך; נאָך דער ברכה, ער נעמט מיך !

טהו עפּים ! דער שופר ציטערט מיר אין האַנד, ווי א פיש פון וואַסער, און צום מויל געהט ער נישט... טרעפט ער צום מויל, שלאָגט ער זיך אָן אין די צייהן... אמאָל האָב איך געהאַט !

— און מן הצד מניעות ?

— אויך א דאגה !

פונקט געגען אִיבער דעם מקום קדוש וואָהנט איין ערל, האַלט ער א כלב ; פאַלט איהם איין דעם כלב, בילט ער... מוז מען אַזא כלב איבערוואַרטען... טהייל מאָל, גלייך עס וואַלט פוני׳עם א דבוק אַרויס־געוואַיעט, געדויערט א שעה און צוויי...

ראש השנה געפאַלט פונקט נאָך די מאַנעוורעס, נעהט אמאָל דאָס חיל צוריק, מאַרשירט איבערן גאַס מיט מוזיק, מיט מעשענע כלים, און פּערהילעכט, און פערטייבט... עס ציטערט אונטער זיי די ערד. די הייזער ציטערן, שויבען קלינגען — געה און פּריוו שופר־בלאָזען !

פאַר עטליכע יאָהר ווייטער האָט זיך אין דער אונטער־גאַס פּינקט א שרפה געמאַכט ! איך האַלט ביי׳ן א תרועה, עס געהט ! און דאָ רייסט זיך אַריין די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע מיט איהרע טראָמפּייטען, מיט א גערייטעריי, א געיאָגעריי — הו — האָ ! וואָס מיינסט דו, דער עולם איז נישט אַנטלויפען פון דאַווינען צו דער שרפה ?.. איך בין געבליבען איינער אליין מיט׳ן דין, ער מיט׳ן מחזור׳ל, איך מיט׳ן שופר...

און נאָך מיט עטליכע יאָהרען צוריק איז ערגער געוועזן...

איך דאַרף בלאָזען ״שברים״ און עס האָט זיך מיר, זאָג איך דיר, אויסגעצויגען א צודראָביטער שברים, ווי אין אמת יִראַת־שָמַים־פּיבעריל! פלוצלינג ווערט א געפּייפּעריי, א געשוווישציעריי, א געקלינגעריי, פון גאַס— די ווייסע חברה האָט זיך בעוויזען אין מאַרק! פערשטעהסט?! רבונו של עולם, וואָס פאַר א שרעק, וואָס פאַר איין אימה... דער עולם וויל לוי־פען, מען לויפט צו דער טהיר, מען שפּרינגט צו די פענסטער !

נאר דאַמאָלס האָט נאָך דער אַלטער רב, זכרונו לברכה, געלעבט... א קליינס, א דאַר׳ס, נור א רב ! ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער באַנק און געשריען : ״שטעהט !״ און דער עולם האָט זיך אַבגעשטעלט. ״פערמאַכט טהיר און פענסטער״ און מען האָט׳ן געפאָלגט ! — און חשך איז געוואָרען, חשך... פון די עטליכע עמוד־און שלחן־ליכט האָבען זיך נאָך שרעקליכע שאָטען געוואָרפען — איין אימה איז אויף אַלע געפאַלען, נור נישט אויפ׳ן צדיק !

— בלאָז ! — האָט ער געהייסען. — — — —

און — איך האָב געבלאָזען ! די גאַנצע נשמה איז מיר אריין אין די תקיעות !

— דעם שטן — גיט ער צו מיט א טרויריגען שמייכעל האָב איך אפשר גובר געווען, נאר די ווייסע חברה נישט! א חורבה איז געבליבען פון שטעדטיל !

ווער האָט אויף זיי שליטה ? סיידען — שופר של משיח !

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

י״ל פּ־ץ.

---

די שטערן פון הימעל קוקען פּעראינטערעסירט, ווי יודען נעהען צו די הקפות.

נאר ווייסע חברה׳ניקעס האַלטען ניט אוים : איינער לויפט אוים פאַרוים מיט א פלאַש ווייַן אין דער הויך און זינגט : ״עוֹזר דַלים הוֹשִיעה נָא !״

א צווייטען פאַלט איין צו פערדרעהן דעם דאַשיק ארונטער און אויסקאַרטשען פון זיך א נאַטשאַלניק : ״סטאַי ! פּאַספּאָרט יעסט ?״

דער שוסטערשער קבוץ האָט געטראָגען דעם גבאי אויף די הענד ביז נעבען זומפ, וואָס פאַר דער קלויז, און פונקט דאָרט איז זיי איינגעפאַלען פונאַנדערצונעהמען די הענד... דער גבאי מיט דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע האָט זיך אַבגעבאָדען אין זומפ.

״זאָל וויסען אַט די קאַפּאָטע — שרייט אוים דער לץ פון דער חברה : אַז אָהן פרעמדע הענד ליגט דער גבאי אין זומפ !״

די קבוצים געפינען זיך, מעשה ניסים. שוין אין קלויז.

מע רופט צו די הקפות קליין פאַר נרוים, קינדער שטעקען מיט די פּאהגען די אלטע יודען אין די יאַרמולקעס אריין. די קליינע ווייסען אויך, אַז היינט איז קיין דרך־ארץ ניטאָ. אַלץ איז מותר, אלץ מעג מען לכבוד יום־טוב !...

מותר צי ניט מותר — ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל אַנשרייען. אלע — לוט שכור !

״האַלוּף הַתוֹרָני...״

״דאָך, טרייסט זיך דער שטן : א ליגען וואָס מען זאָגט — א ניכ־טערן פאָלק ! יודען זענען אמאָל אויך שכור. און נאָך ווי אַזוי — שכור !,

ער נעמט ארויס זיין טאַשען־כיכיל, צייכענט עפּים דאָרט.

״כ׳ל זיין אין פַּמַליא של מַעלה, וועל איך האַלטען א פייערינען ראַפּאָרט וועגען שכרות, וואָס די בני יעקב האָבען אַנגעשטעקט דערמיט גאַנץ אייראָפּא !...״

עס פאַלט איהם איין א געדאַנק, וואָס נור דעם שטן קאָן אזוינס איינפאַלען.

״אַט דעם אַלוּף התוֹרני מיט דער גרויסער תורה דאַרף מען אונ־טערשטעלען א פוס ! זאָל ער זיך אַביסיל קאַטשען אין הייליגען מיסט !...״

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

״איי געוואַלד !...״

ס׳האָט זיך ארויסגעריסען א געשריי פון אלע מיילער, און איז ווי פלוצלינג אָבגעהאַקט געוואָרען. נאָך א קורצע פּויזע האָט געענטפערט א ווידער־קול פון מערב־וואַנד, וואו נשים זענען געשטאַנען — ״געוואַלד א תורה !״

אלע זענען ווי פערשטיינערט געבליבען. איינער מיט׳ן אנדערן — זיך איבערגעקוקט, ווי איבערגעשראָקענע אונגליקליכע, וואָס בעטען הילף...

דער שוסטערשער בייכיגער גבאי ליגט אויפ׳ן פאַרלאָגע אויפגעהוי־בען דעם קאָפּ... ער קוקט זיך אום, ווי א צומישטער. ער קאָן זיך ניט אויפהויבען פאַר שרעק. ער פּיהלט ניט קיין נויטהינקייט, צי דאַרף ער זיך גאָר אויפהויבען...

און גאָט־ברוך־הוא׳ס תורה ליגט אויף דער ערד... זי איז געפאַלען— נאר דאָך ווי א תורה פאַלט : מיט׳ן מגן־דוד אַרויף. ס׳האָט זיך דערקאַנט, אַז זי האָט פון איהר הייליגקייט גאר ניט פערלאָרען. פערקעהרט : די ערד

# דער שכור.

## א שמחת־תורה־דיגע מעשה.

חיים דער מלמד איז געווען א יוד א חלוש, האט געהאט אסך מיחוש'ן און דערפאר האט ער געהאט די בעסטע תלמידים; ווייל די מיחושן, האבען אלע געוואוסט, איז איהם געקימען נור פין דער תורה, און די שטעדטילשע יודען לאזען א תלמיד־חכם ניט פאלען.

מעהר פון אליך האט חיים געליטען פון קאפ־וועהטאג.

— איך בין גאר אהן א קאפ! — פלעגט זיך חיים אמאל קלאגען פאר זיינע נאהענטע בית־מדרש יודען — טאמער פערגליסט זיך אמאל מיין אלטער פרעגלען א שטיקיל הערינג, הרנ'ט ז' מיר גאר אוועק — פאר טשאד ציטער איך...

נאר נאך מעהר ווי פאר טשאד האט חיים מורא געהאט פאר בראנפען. בראנפען, האט ער געזאגט, איז א מלאך המות, דאס קענען נאר גוים פערטראגען.

און חיים האט ניט נור קיינמאל קיין בראנפען ניט געטרונקען, ער האט עס אפילו קיינמאל ניט געזעהן, און דער ריח פון בראנפען איז איהם אפילו פרעמד געווען. עס האט זיך אמאל געמאכט, אז דורכגעהענדיג דעם מארק אין בית מדרש אריין, איז ער פערטראכטערהייט צוגעגאנגען צו לייבע שענקערס הויז, עפיס א מאדנער ריח האט איהם דעם אטהעם פערהאלטען.

— וואס זאל דאס זיין פאר א ריח? — האט חיים זיך געוואונדערט — אפשר סמאלעניש חלילה, עס קען נאך א שרפה, חלילה, זיין.

און חיים האט נעהאלטען פאר א חוב אריינגעהן צו לייבען אין שענק אריין און ווארענען איהם:

— איך בין געגאנגען פארביי — האט ער געזאגט אריינגעהענדיג — הער איך עפיס א ריח, אפשר איז דאס סמאלעניש — אין שטוב דא הערט זיך אויך... א גרויל!... וואס איז דאס פאר א ריח?.

— וואס זאל זיין פאר א ריח, ר' חיים? — האט לייב געקוועטשט מיט די פלייצעס — איך הער קיין שום ריח ניט. עס הערט זיך געוועהנטליך אין א שיינק בראנפען...

— אזוי גאר — בראנפען! — האט חיים ווי טפיס זיך דערמאנט — האט בראנפען אזא שארפען ריח, הייסט עס? פלאי פלאים!..

און חיים האט זיך א גאנץ וועג דערנאך געחדושט, וואס פאר א שארפען ריח בראנפען האט... און ער האט פאר בראנפען נאך מעהר מורא בעקומען. שמחת תורה האט חיים געזעהן, ווי אלע יודען זינגען און מאכען משוגענע העויות. ער איז אפילו געווען צופריעדען, וואס יודען זענען זיך משמח מיט דער תורה, דאך אינווענינג אין הארצען איז עס איהם געווען פריקרע: די שמחה זייערע איז דאך אייגענטליך פון בראנפען, פין די ביסיל פראסטע בראנפען, וואס זיי האבען געטרונקען. און חיים פלעגט זיך גיראד דאמאלס דערמאנען אן נחן. אן חס'ז. אן לוט'ן און כדי צו פערטרייבען די מאוסע געדאנקען, פלעגט ער אריינקוקען אין א ספר...

---

האט זיך אבער א מאל שמחת־תורה געמאכט א מעשה, אז אונזער חיים האט זיך איינגעשכורט...

ער האט גראד דעם זומער געהאט א שלעכטע קנעלונג, ניט חלילה דערפאר. וואס ער האט זיינע מיחוש'ן פערלארען און דערפאר איז ער געפאלענער געווארען ביי די בעלי־בתים, — ניין! אזא אינגליק האט חיים'ן ניט געטראפען. ער האט געהאט דיזעלבע מיחוש'ן, פערקעהרט דעם לעצטען זומער איז איהם צוגעקומען נאך גאר א פרישער עכט יודישער מיחוש: דער גילדענער אדער... נאר די שלעכטע קנעלונג האט געשטאמט דערפון, וואס א פאר בעלי בתים, יורדים, האבען איהם ניט בעצאהלט. חיים האט אפילו קיין פאר נייע לאטעס אויף סוכות ניט געקענט לאזען לייגען; זיינע שטיוועל האבען שטארק האט זיך געוויזען היילינער, ווירדינער, העכער... ערד, וואס ס'ליגט אויף איהר א תורה!...

טהייל, ווייזט אוים, האבען עס דערפיהלט: געפיהלט זיך ניט ווערט צו שטעהן אויף דער ערד, און האבען אנגעהויבען צו שפרינגען אויף די ביינק...

דער עולם שטעהט דער'הרנ'ט... די ליכט ווייזען אוים ליכטיגער, נאר פערדרוסיג. דער עמוד, דער ארון־קודש, די שטענדערם — אלעם קוקט מיט פארוואורף. „וואס שווייגט איהר? עמי ארצים!" בעדייטעט דער פארוואורף.

נאר דער עולם איז ניט פעהיג צו פערשטעהן אין אזא שרעק, וואס מע רעדט צו זיי.

ביז בנימין מלמד, א געדוננענער כהן אין שוסטערשען קבוץ, האט זיך א ווארף געטהון אויף דער ערד, אויפגעהויבען די תורה, פארזיכטיג אנגעריהרט מיט די ליפען אויפ'ן שם „הויה" פון מגן־דוד, גלייך ער טראכט איבער, טאמיר וויל זי איהם מיט זיין קוש ניט ליידען. שטעלט זי אין ארון־קודש... „הולטייעס! — נעמט ער זיך שרייען — עמי ארצים! אנגע'שכור'ט זיך, ווי עם רב!"

ער האט אבער באלד בעמערקט, אז ער האט ניט מיט וואס צו דערווייזען: אלע שטעהען בלייך. נישטא איין שכור צווישען עולם. גלייך ניט געטרונקען די נאכט!

ער ווערט נאך בייזער; ער שילט. דער עולם פיהלט זיך שולדיג און שווייגט...

ער וויל אויף זיי ארויפשפרינגען. ער וויל זיי שלאגען. נאר דערצו איז ער א מלמד: ער קאן נור שמייסען קליינע יונגליך, שלאגען איז ניט זיין מלאכה.

עולם ברעכט הענד; ווייבער וויינען; מע ברענגט דעם רב; מ'איז גוזר תענית; מ'איז מנדר נדרים, ווער — געלד, ווער — תהילים, ווער — ליכט אין שוהל אריין! דער שטן זעהט שוין, וואס ער האט זיך אנגעארבעט: נייע תעניתים, נייע דארינישען, נייע טרעהרען! נאר איהם געהט ניט דערינגען. ער וואלט נעהמען אויף זיך נאך אמאל אזוי פיעל תעניתים, נאך אמאל א גאנצען חודש תשרי, ער וואלט צוזאגען — דער תורה א נייע זיידען מענטעלע מיט גאלדענע עץ־חיים'ס — אבי די יודען צוריק שכור צו זעהען!

זיי ווענען אבער ניכטער.

פערפאלען זיין ראפארט! אין פמליא של מעלה קאן מען קיין ליי־גענד ניט זאגען!

צורייצט איז ער ארוים פון יורישע קלויזען, און האט זיך גענומען ברעכען דעם קאפ, ווי איז מען זיך נוקם אן יודען;

געטראכט, געטראכט און אבגעפאסט:

דעם ראפארט צו דרוקען אין א אנטיסעמיטישער צייטונג.

יהודה שטיינבערג.

גערונען, און דאס האט געשאדט צו זיין געזונד; דעריבער האט חיים שמחת־תורה זיך מתיר געמאכט און געדאווענט אין דער פריה אין א נאהענטען בעל־הבית׳שען מנין. אין מנין האבען גדאווענט עטליכע פרעהליכע יונגע לייט און האבען חיים׳ן פון זיך א גאנין דאוונען ניט אבגעלאזט:

— מיר וועלען אייך, ר׳ חיים, היינט ביי אונז איינשכור׳ן! — האט איינער איהם אין מיטען דאוונען פרעהליך א זאג געטהון.

— חלילה וחס! — האט זיך ר׳ חיים דערשראקען—זאל אייך גאט בעהיטען... פאר מיר איז דער ריח פון בראנפען — חיות!

— נישקשה, לכבוד שמחת תורה שאדט ניט! — האט נאך איינער אונטערגעהאלטען.

— ניין ניין! רעדט בעסער גאר ניט! — האט זיך חיים אבגעטרייסעלט.

נאכ׳ן דאוונען האט דער עולם אנגעהויבען פרעהליך אונטערהאלטען זיך.

דער בעל הבית פון מנין האט צוגעשטעלט שטוהלען צום טיש, ארויסגענומען לעקיך און בראנפען און זיך אנגערופען:

— נו, יורען צום טיש!

חיים האט א קוק געטהון אויף די גרויסע פלאש בראנפען און איז א פערציטערטער געווארען.

— אזא פלאש! — האט ער געמורמעלט — א פחד פאלט אן.

ער האט אנגעהויבען מיט ציטערדיגע הענד צונויפלעגען דעם טלית.

— נו, ר׳ חיים צו טיש געהט, וואס אנטלויפט איהר? — האט זיך דער בעל הבית פון מנין צו איהם געווענדט.

— ניין, ניין;— האט חיים צוטומעלטערהייט ארויסגעמורמעלט —איך טרינק ניט — חלילה!...

— א שטיקיל לעקיך האטש...

— א שטיקיל לעקיך... מהיכא־תיתי... א שטיקיל לעקיך וועל איך נעהמען.

— ניין! ניין! ר׳ חיים מוז טרינקען מיט אונז לחיים! — האט א יונגער מאן אויסגערופען — אנדערש ניט. ר׳ חיים! מאכט קדוש!

— קדוש וואלט איך געמאכט מיט׳ן גרעסטען כבוד, נאר אויף מעד... איהר וואלט נעהאט אביסעלע מעד, וואלט טאקי זעהר גוט געווען.

— וואס טויג אייך די מעד? פסח צו די סדרים וועט איהר טרינקען מעד — אט נעמט א קעלישיק און מאכט קדוש.

— נעמט, ר׳ חיים, נעמט! האט דער עולם אונטערגעהאלטען.

חיים איז געבליבען ווי צומישט. עפּיס איין עולם יודען בעטען איהם. מען קען קיין גראבער יונג ניט זיין.

— זאגט מיר, עס איז ניט, חלילה קיין ספירטעס? — האט ער ווי מיט א געבעט נעפרעגט.

— הלילה, חלילה...

— און ניט צו שארף? — האט ער ווייטער נעפ־עגט, און א טרעהר האט זיך איהם אין אויג געשטעלט.

— ניין, ר׳ חיים, ניין! שוואכע בראנפען, גאר שוואכע...

— נו, איך וועל מאכען קדוש, איך וועל נעהמען אביסעלע... האט חיים פעסט ארויסגערעדט.

ר׳ חיים האט געמאכט די ברכה און האט דעם קעלישיק צוגעטראגען צום מויל. די הענד האבען איהם געציטערט.

— נו, נו! — האט איהם דער עולם געטריבען.

— לח — — —, — — קה. — קה. — קה... האט ער זיך פונאנדער געהוסט און אוועקגעשטעלט דעם קעלישיק אויפ׳ן טיש.

— איהר האט דאך גאר ניט געטרונקען, ר׳ חיים?

— גע — קה. — קה. — נעניג! קה. — קה. — קה.!...

— נו פערבייסט א שטיקיל לעקיך!

חיים האט גענומען א שטיקיל לעקיך. דער הוסט האט איהם געשטיקט און ער האט קוים א־ויסגערעדט:

— שארפע בראנפען!... קה. — קה. — קה.!...

דער עולם האט זיך פונאנדערגעלאכט.

---

חיים איז געקומען אהיים געזאגט קוים „גוט יום־טוב", האט זיך אוועקגעשטעלט צום מזרח־וואנד און האט זיך פ׳נאנדערגעוויינט.

— מאמע, דער טאטע וויינט! — האבען די קינדער אויסגעשריען דערשראקען:

— וואס איז? הא? חיים? — האט זיך אויך דאס ווייב דערשרעקען.

— ניין! ניין! גאר נישט! גאנץ גוט... א מהיה... א מחיה... האט חיים געשטאמעלט. איך בין שכור... שכור. עפּיס וויינט זיך מיר...

— שכור איז ער, בריה מיינער... האט דאס ווייב זיך געקרימט. געטרונקען?

— נאר נישט, גאר נישט... האט חיים ווי געטרייסט... א מחיה.. עס וויינט זיך... שארפע משקה...

— משוגענער, געה וואש זיך! אין מיט׳ן שמחת תורה גאר וויינען!... לייט טאנצען — און ער וויינט!...

---

אויף מארגען, אז חיים האט זיך אויסגעניכטערט, האט ער דערצעהלט פאר זיינע נאהענטע יודען אין בית־המדרש בזה הלשון:

— איהר ווייסט, אז בראנפען איז א טהייערע סגולה צו טרעהרען! איך האב נעכטען זיך איינגעשכר׳ט, האב איך דעם גאנצען טאג אבגעוויינט, אבער אזוי געשמאק, אז איהר קענט זיך ניט משער זיין. טעם גן־עדן!

אברהם רייזען.

---

## שמחת־תורה.

### בילדער.

### I. „וואס מעהר קבצן"...

ניסעלע דער קאלכער האט זיך געוואלט אביסיל אויספוצען היינט לכבוד שמחת־תורה. נאר אין זיין בעל הבתישקייט האט זיך קיין בארשטען, קיין קאמען און נאך עפּיס פון די מינים ניט געפ־נען, און ער האט זיך געפוצט אהן די אלע „זאכען"...

צוערשט האט ער אנגענעצט זיינע הענד אין וואסער און גענומען וואשען די שטיוועל, דערהו־פט די חאליוועס, וואס זענען פערקאלכט געווען. ווען איהם האט זיך אבגעדאכט, אז זיי זענען שוין עטוואס שווארצער, האט ער גענומען דעם הוט אין די הענד, און מיט׳ן נאגעל פון א גראבען פינגער האט ער אבגעריבען די גרעסערע און גדיכטערע פלע־

קען; די קלענערע און שיטערע פלעקען האט ער בכיוון איבערגעלאזט: אויפ'ן הוט דארף מען היינט עטוואס קאלך זעהען...

דאמאלס איז ער נאך אריינגעקראכען מיט אלע צעהן פינגער פון ביידע הענד אין זיין געדיכטער בארד, און זי פונאנדער געקאמט, ווי מיט א קאם.

„גאר גוט!" — מאכט ער צו זיך לוסטיג אין דער מחשבה, ער טהוט א שמייכעל און גלייכט זיך אויס, ווי א „שׂררה", און געהט אריין באלד אין קיך.

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוֹב, מיין ווייב! — שרייט ער אויס מיט א געזאנג פאר א מאגערער יודענע, וואס זיצט אויף א ביינקיל און שיילט קארטאפעל.

— גוט יום־טוב, גוט־יאהר! — ענטפערט דאס ווייב מעהר פרום, ווי גוט.

— דו ביסט מיר עפים היינט האלב־זייטיג, — מאכט ניסעלע מיט'ן האנד, — פע! דו דארפסט מיט מיר היינט דוקא גוט זיין, ווארום איך געה דאך היינט צו שרה־לאה'ן אויף א ווארמעס מיט א כבוד מיט כל־טוב! היהנער און גענז, און משקה וועט זיין...

— אז דו וואלסט מיר גענעבען דאס געלד, וואס משה־ליב האט איהר געגעבען אויף יום־טוב, וואלט ביי מיר אויך געווען כל־טוב...

— טענות, מיין ווייב, אויף מארגען — היינט איז שמחת־תורה! — גוט יום־טוב, גוט יום־טוב, מיין ווייב!.. האט ער ווידער אויסגעשריען מיט א געזאנג, און איז ארויסגעגאנגען פון שטוב.

---

— גוט יום־טוב! יודען, גוט יום־טוב אייך! —

מיט די ווערטער איז ניסעלע אריינגעקומען אין בית־המדרש.

— גוט יום־טוב, ניסעלע! — האט דער עולם איהם אכגעגענט־פערט פריינדליך און לוסטיג:

ווי איז היינט דער סדר? פון וואס הויבט מען אן?

— איהר פערגעסט? — מאכט ניסעלע, — עך, וואכענדיגע יודען!..

ער טהוט א שפרונג אין איין זייט בית־המדרש, א קעהר — אין צווייטען, א פליה — אין „מזרח" און באלד טאנצט ער ארויף די צוויי טרעפ צום בימה.

— רבותי, שרייט ער אויס, דער סדר איז, ווי אלע יאהר. משה־ליב, אונזער נגיד איז נאך נישטא, גאר היות ווי היינט איז שמחת־תורה, ווארטען מיר אויף איהם ניט, און מע שטעלט זיך דאווענען אהן איהם... ניסעלע וועט זאגען היינט „אנהויבעניש": דאס איז א חזקה: שמחת־תורה'דיגע „אנהויבעניש" קומט ניסעלען... חתן־תורה וועט זיין משה־ליב, התן־בראשית—זיין איידעם און מפטיר—דער זוהן, דער פאמאזיסט... יא, מיט הקפות וועט אויך ניסעלע אויסרופען: ער האט א העכערען קול פון אלעמען דא אין בית־המדרש.

— און דעם ציפלינדער ווען וועסט דו אנטהון? — שרייט צו איהם דער עולם.

— נאך חתן־תורה, — ענטפערט ניסעלע, — איך קאן ניט פער־שעמען משה־ליב'ן. ער איז פארט א גביר, זאל ער זיין אין ציפלינדער צו התן־תורה, נאכדעם וועל איך איהם שוין אנטהון... שישו ושמחו בשמחת תורה...

ניסעלע טאנצט אראב פון בימה, שנעל וויקעלט ער זיך איין אין טלית, און געהט צום עמוד, זאגען „אנהויבעניש". —

---

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! — אך, ס'אראַ רחבת! גוט יום־טוב, גוט יום־טוב! — בעגייסטערט זיך ניסעלע אלע מאל מעהר, ארומ־דרעהענדיג זיך אין דעם ברייטען צימער ביי משה־ליב וואלמאנען אין דער היים. ער הויבט די אויגען צו דער געקלעפטער סטעליע, צו די ווענד מיט בילדער, ער קוקט אויף די טישען, וואס שטעהען דא פול „מיט כל־טוב", און ער שרייט אויס, וואס אמאל העכער: אך, ס'אראַ רחבת! גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

עס לויפען אן פון אלע זייטען מיידען און מיידעליך, טעכטער און אייניקליך, און בלייבען שטעהען אין די טהירען פון די איבעריגע צימערן, און קוקען מיט מאדנע אויסגעלומפערטע אויגען אויף דעם יודען, וואס האט זיך דא אזוי צושריען.

— איך בין ניסעלע דער קאלבער, און דער ציפלינדער איז — ר' משה־ליב'ס, היינט האבען מיר זיך געביטען אהן צוגאב און אהן אויס־צאהל... דאס איז ביי אונז אזא מנהג מקדמת־דנא...

די קליינע מיידעליך צולאכען זיך גאנץ הויך.

באלד איז אריינגעקומען משה־ליב אין ניסעלעס פערקאלכטען הוט, די אייניקליך האבען אויפגעהערט צו לאכען, איינע האט כמעט ניט דערקאנט דעם זיידען, און, אז זי האט זיך גוט צוגעקוקט, האט א טרעהר אנגעהויבען ציטערן אין איהרע בלויע אויגליך...

עס איז אריינגעקומען דער „עולם" פון בית־המדרש. די זויבערע סטעליע און בלאנקענדע ווענד האבען זיי, ווי א שטוים צוריקגעגעבען, דער עולם איז ביי זיך אראבגעפאלען און האט שטיל ארויסגעזאגט: גוט יום־טוב...

— נור ניסעלע האט זיך צו זיי אומגעקעהרט און האט אויסגע־שריען:

— וואו איז אייער גוט יום־טוב? וואס בעהאלט איהר אין די קעשענעס? מע וועט אייך חושד זיין, אז איהר וועט האלטען די הענד אין די קעשענעס אין א גביר'שער שטוב... זאגט זשע הויך: גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! —

דער עולם האט זיך אויפגעמונטערט, געשריען מיט איהם, און גע־לאכט.

— שרה־לאה! — שרייט ניסעלע, — וואו איז שרה־לאה? — שרה־לאה!

עס קומט אריין די גבירה, איינגעטונקט אין אויריננליך, פינגער־ליך און פעריל, ווי די לעקעכליך, וואס אויף די טישען — אין מאנד־לען, ניס און ראזינען.

זי האלט די הענד צונויפגעלעגט, און שמייכעלט פרום און צו־פרידען.

— וואס ווילסט דו, ניסעלע? — פרעגט זי.

— איך וויל, אז מען זאל דעם עולם שען אויפנעהמען, ווארום זיי זענען דאך שעמענדיג... אז ר' משה־ליב קומט צו אונז אין בית־המדרש, גיבען מיר איהם אב די בעסטע כבודים: חתן־תורה, התן־בראשית און מפטיר... מאנט איהר אויך מכבד זיין דעם עולם... משה־ליב! — שריי: ער צום גביר, — זעה טאקי, אז דער עולם זאל זיך זעצען צום טיש... משה־ליב'ן זאגט ער דו, ווי ער איז זיך נוהג שמחת־תורה, ווארום ער איז דאך פארט א מאנסביל...

— איהר מיינט, — זאגט ער צו שרה־לאה'ן, — אז איך קום צו אייך אין שטוב אריין איין מאל אין יאהר, ווייס איך ניט, ווי צו פיהרען

זיך, און קום, חלילה, ווי א שלעפער ? ניין, איך בין טאקי אין ציפלינדער געקומען...

ניסעלע ציהט אראב דעם צילינדער פון קאפ און בלייבט א ווייל-לע אין זיין אלטער אויסגעריבענער און שפיגעלדיגער יארמולקע. דעם צילינדער האלט ער צו מיט די שפיצען פינגער, און דרעהט איהם, קירעוועט און ווארפט אויף איהם קרומע בליקען:

— מע דארף האבען א קאפ צו א ציפלינדער, אמת, שרה-לאה? — א קאפ, א קאפ!

— ניסעלע! — שרייט דער עולם, וואס האט זיך שוין געזעצט ארום די טישען און קידוש געמאכט, — וואס האסט דו זיך צורעדט? דו ביסט דאך נאך א ניכטערער...

ניסעלע טהוט אן דעם צילינדער, מיט די פינגער טהוט ער א-דרעה די פאות, א צופ די בארד, א גלעט זיין ריבסענעם סורדוק, און ער געהט צו צום טיש מיט א ברייטקייט.

מע האט איהם א בעכער מיט וויין דערלאנגט, ער טהוט א-גלאץ מיט די אויגען, און זאגט:

— בָּרוּךְ אַתָּה...

— זעץ זיך אין טיש, — זאגט צו איהם משה-ליב, — איך דארף דאך דיך היינט מכבד זיין... ניסעלע לעגט אוועק דעם צילינדער א ווייל-לע, און טהוט א זופ אין איין אטהעם:

„שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה", און טהוט זיך א קוליע אין מיטען צימער.

דער עולם פאטשט מיט די הענד.

באלד שפרינגט ער פון פאדלאגע אין דער הויך און שרייט: מֹשֶׁה עָלָה לַמָּרוֹם...

ער שפרינגט, וואס אמאל העכער, און שרייט, וואס אמאל שטארקער -

— נעם עפּיס אין מויל, ניסעלע,— זאגט איהם משה-ליב,— נאכדעם וועסט דו שטיפען...

— וואס אין מויל? ווער דארף אין מויל? — קומט, יורען, א טענציל-טאי-ראי... זינגט ער אויס — וואס האט איהר זיך צוגעקלעפּט צום טיש, ווי פליגען צו א שיסעלע סאק?..

קומט א טענציל-טאי-ראי"...

ניסעלע דרעהט זיך ארום איבער'ן צימער און טאנצט, באלד שטעלט ער זיך אב מיט א כעס.

— גענוג שוין אייך צו זיצען און עסען... נור עולם-הזה, אפילו אום שמחת-תורה זענט איהר אויך נור אין עולם-הזה ארייגעטהון... קומט שוין א טאנץ טהון... נו, לעבעדיג: „אי-אי"...

בערע דער בטלן איז צוערשט פון טיש ארויס און האט אוועקגעלעגט זיין האנד ניסעלען אויפ'ן אקסעל, באלד זענען נאך איהם אויך אנדערע צובּיסלוויז ארויסגעגאנגען פון טיש און א האנד געווארפען איינער דעם אנדערען אויף דעם אקסעל, און עס איז געווארען א געדיכטע ראד, וואס האט זיך געדרעהט, געהוירעט און אונטערגעשפרונגען...

די ראד האט זיך באלד צושלאגען אויף קליינע רעדעליך, וועלכע ס'האבען זיך געדרעהט איינע ביי דער אנדערער, געשטויסען זיך און געטאנצט.

רוישענדער און לעבעדיגער פון אלעמען האבען זיך געדרעהט ניסעלע מיט'ן בטלן.

„אי-אי"... האט ניסעלע געזונגען, און דער בטלן האט מיט זיין פרייער האנד צוגעפּאכעט אין דער לופט צום טאקט. דער בטלן האט העכער די פיס געהויבען, און ניסעלע האט שטארקער צוגעקלאפּט מיט'ן טראט —

די אויגען פון משה-ליבס געזינד, און דערהויפּט די אויגען פון די יונגע, וואס שטעהען אין טהיר פון זאל, זענען צוגעשמידט צו דעם פאר, זיי שמייכלען און לאכען.

— געפעלט אייך? — שרייט משה-ליב צו די קינדער, ער וויל זיך בעריהמען מיט זיינע יודען, מיט זיין שמחת-תורה: אט דאס איז א שמחה...

די קינדער שמייכלען צו איהם.

ניסעלע איז ארויפגעשפרונגען אויף א שטוהל. ער גלייכט זיך אויס, ער פערריכט דעם צילענדער אויפ'ן קאפ און טהוט א גלעט די בארד. ער קוקט אראב אויף די מאסע קעפ אין צימער, וואס זענען צו איהם געהויבען, ער ווארפט א בליק אין טהיר פון זאל, וואו „זיי" שטעהען — „די פריצים אהן היטלען" — ער טהוט א שמייכעל. „וואס הער איך זיי?" — טראכט ער, און ער שרייט אויס:

— משה-ליב! משה-ליב!

דער גביר געהט צו.

ניסעלע בויגט זיך אן, מיט איין האנד האלט ער צו דעם צילענדער אויפ'ן קאפ, מיט דער צווייטער נעמט ער אן דעם גביר פאר א באק, ווי א רבי א חדר-יונגיל ביי פערהערען —

— זאג מיר, משה-ליב'ל, ווער טראגט היינט דעם דאזיגען ציפּלענדער? — ער ציהט אראב דעם צילענדער פון קאפ און בעוויזט איהם.

— ניסעלע דער קאלכער טראגט היינט דעם דאזיגען צילענדער,— ענטפערט דער גביר מיט א שמייכעל.

ניסעלע טהוט אן צוריק דעם צילענדער, ער ציהט זיך עפּיס אויס און זאגט:

— משה-ליב'ל, זאג מיר, ווער איז העכער? —

דער גביר האט זיך עפּיס ארומגעקוקט צום זאל-טהיר און האט הויך און אבגעצויגען געזאגט:

— ווער איז העכער — דאס וועלען מיר זעהן מארגען...

— מארגען — וועט מען זארגען... פערקרימט זיך ניסעלע.

ער שפרינגט אראב פון שטוהל, לעגט אוועק א האנד משה-ליב'ן אויפ'ן אקסעל.

— קום א דרעהדיל,— מאכט ער צו איהם: היינט איז שמחת-תורה... זינג-זשע:

„וואס מעהר נגיד, מעהר סאבאקע —
אויף וואס דארף איך די-יך? —
וואס מעהר קבצן, מעהר הוליאקע —
און וואס הער איך די-יך?.."

די זאל-טהיר האט זיך בעוועגט. דער איידעם האט עפּיס א ציה געטהון מיט זיין שמאלער נאז, די טאכטער האט עפּיס די האר אויפ'ן קאפ פערריכט, די מיידעליך האבען זיך הויך צולאכט, וואס „דער טאטע" — „דער ניידע" טאנצט מיט יענעם יורען...

דער זוהן — דער גימנאזיסט, האט שארף ארייגעקוקט אין ניסעלעס אויגען.

ניסעלע האט געטראָטען פֿעסט און זיכער — מיט א נחת׳דיגען טאקט, און האַרצענדיג האט ער צוגעזוונגען: „וואָס מעהר נגיד, מעהר סאכאקע״...

דער עולם האט געפאטשט מיט די הענד צום טאַקט, צוגע־קנאַקט מיט די פינגער —

דער בטלן האָט זיך פֿאר זיך ארומגעדרעהט נאך דער פּאָר, ער האט זיך אויך געהאָפּעט איינער אליין און צוגעזוונגען מיט א פרומען אויסדרוק:

„וואס מעהר קבצן, מעהר הוליאקע״...

משה ליב האט עפּיס מיט שמייכעל אָנגעשעפּצעט ניסעלען —

ניסעלע האָט אויך א שמייכעל געטהון און אנגעהויבען העכער:

„וואס מעהר קבצן, מעהר הוליאקע״ —

און וואָס הער איך די־יך ?..

---

II.

## מיין כּבוד.

א צופֿריעדענער איז בערגמאן ארויסגעגאַנגען פֿון לעזע־זאל.

היינט פיהלט ער זיך טאַקי אמת גוט! גאזעטען האט ער היינט געלעזען פֿון דער גאנצער וועלט, פֿון אלע זאָרטען און פֿאָרמאַטען.

ער אטהעמט אויס ברייט, און געהט זיך שטיל און רוהיג.

היינט איז יום־טוב, ער האט היינט ניט אויף זיך קיין לעקציעס צו געבען, און דאָס איז טאַקי א הרחבה! א מין נשמה־יתרה פיהלט ער אין זיך —

און ער האט געאיילט די נשמה־יתרה צו פֿערוויקלען אין גאַ־זעטען־פּאַפּיער...

ער האט שוין היינט געלעזען און געלעזען: אויפ׳ן קווארטיר און אין דער שטאָדטישער לעזע־זאַל.

„שטאַרקער, שוואכער... עקזיסטענץ... מלחמה... קלאַסען, חברות... פּאָליטיק״... עס האט איהם אין די אויערן געזוממט, אין דעם מח געפּיקט, ווי טיטוס׳ן די פֿליג —

די לופֿט ארום איז קוויקענד. דער הימעל איז ריין, די ליכט פֿון דעם טאָג איז בלאַס, אבער זי מאַכט איהם פֿריש און מוטהיג.

ער בעקומט א חשק צו שפּאַצירען, און ער הויבט שוין א פֿוס מיט שמחה, אַוועקצושפּאַנען איבער די גאסען, אין גאַרטען אַריינגעהן.

„עך״ — מאַכט ער צו־זיך באַלד אין דער מחשבה: „ניט דאס איז פֿערגניגען, און ניט דאס מיינט מען: שמחה... אמת׳ע שמחה אין די נוטי׳ן, וועלכע דער מענש בעקומט פֿיר זיך און פֿיר די געזעלשאַפֿט״...

דאס בוך, וואס ער טראָגט אין האנד, טהוט ער אַ הויב צו די אויגען, און ווערט שטאַרק צופֿריעדען, וואס ער האט היינט גענוג צייט צו לעזען. ער טהוט א קלאפּ מיט׳ן שטעקיל אויף א שטיין פֿון ברוק, און הויבט אָן צו שפּאַנען שנעלער און לעבעדיגער. ער נעהט פֿארביי דעם גאַרטען און קלעהרט זיך: „יום־טוב׳דיגע ליידיג־געהערס שפּאַ־צירען דאָרט איצט״... ער שמייכעלט אויס מיט שפּאָט, און פֿערביינגט זיין וועג אין א זייטיג געסיל. גאר פלוצים דאַכט זיך איהם, אז די לופֿט איז דא טונקעלער, די פלייטען ביי די קליינע שטיבליך — השכּי׳דינער.

ער לויפֿט דורך און געהט אַראב די „קליינע טרעפּליך״, וואָס פֿיהרען פֿון די אייבערשטע גאַסען צו די אונטערשטע אַהין וואו זיין קוואַרטיר איז.

ער שפּרינגט אַראָב פֿון טרעפּיל צו טרעפּיל —

— גוט יום־טוב! —

ער שטעלט אויס די אויגען און קוקט זיך אַרום.

קעגען איהם הויבט זיך אויף פֿון אַנ׳אונטערשטען טרעפּיל אויף איין אויבערשטען אַנ׳אַלטער יוד אין אַנ׳אַלטען ריבסענעם סורדוק מיט א סאַמעטענעם הוט.

פֿון דעם יודענס שוואַכע אויגען, וואָס זענען כמעט אויף האַלב צוגעמאַכט, שטייגט אַרויס א לעבעדיגער בליק, ווי א שטראַהל ליכט דורך א שפּעלטיל פֿון א לאָדען.

— גוט־יום־טוב! — זאָגט דער יוד נאָך אַמאָל, און עס שמייכעלט זיין צוקנייטשטער פּנים און זיין לאַנגע גרויע באָרד.

באַלד טהוט ער אַפּאַר מאָל א ציה דעם אָטהעם, וואס האָט איהם פֿערחאַפּט פֿון זיין שטייגען אויף די טרעפּ.

— וואס קוקט איהר מיך אזוי אָן, יונגער מאן? — היינט איז שמחת־תורה...

בערגמאן שמייכעלט: „אויך א שמחה״... קלעהרט ער, און ער שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ, און זאָגט איהם אויך: גוט יום־טוב...

— איהר זענט צוטראָגען, יונגער־מאן... איהר הערט בעסער מיך...

דער אלטער האט ווידער אפּאָר מאל אויסגעאָטהעמט, אָבגע־רוהט אין איז מיט א האנד אין בוזעם אַריינגעקראָכען. באַלד האט ער בעקומען זיין מעשענע פושקעלע טאַבאַק, ער האט זי געעפֿענט און האט אויף די זייטען מיט די פינגער אנגעקלאפּט אזוי פֿרעהליך, יום־טוב׳דיג — דער טאַבאַק האט אין פושקעלע א טאַנץ געטהון און גע־שטויבט —

— נעמט ביי מיר אַ שמעק טאַבאַק — האט דער אַלטער דער־לאַנגט בערגמאַנען דאס פושקעלע, — איך וויל, אז איהר זאָלט ביי מיר נעהמען אַ שמעק טאַבאַק...

דער אַלטער האַפּט זיין אָטהעם:

— דאס איז מיין כבוד... קיין בעסערן האב איך ניט.. נעמט ביי מיר א שמעק טאַבאָק...

בערגמאן האט צוויי ציטערענדיגע פינגער אין פושקעלע אַריינ־געלאָזט, אָנגענומען עפּיס טאבאק, און געשמעקט —

ער האט באלד אויסגעניסט —

— אָט האט איהר גענאָסען פֿון מיין כבוד... מאַכט דער אלטער מיט שמייכעל און שמחה, — האב איך איין אויסגעבראַכט מיין כבוד היינט...

בערגמאן האט געפֿיהלט, ווי פֿון דעם שמעק־טאבאק מיט׳ן ניסען האט זיך ביי איהם עפּיס מאדנע איבערגעטרייסעלט אלעס אין קאָפּ —

— אי, יונגער־מאן, — מאַכט דער אלטער, — אמאָל פֿלעגט מען הוליען א שמחת־תורה, — היינט האט קיינער ניט א בערוהטע מינוט...

ער רוהט אָב און ציהט אָטהעם.

— וואָס איז היינט פֿאר א שמחות? — אפּילו א זינג טהון הערט מען ניט אין גאַס... נור — ער ציהט אָטהעם — פֿון א שמעק־טאבאק חאטש זאָגט מען זיך ניט אָב... אזא יונגער־מאן אפּילו, ווי איהר, האט ביי מיר אויך גענימען א שמעק־טאבאק: עס איז דאָך פֿאָרט שמחת־תורה!...

בערגמאן רוקט אַרויף זיין הוט אויפ׳ן קאָפּ, איהם דריקט עפּיס —

— און איך אַרט ניט, וואס איך בין... כ׳בין ניט פֿרום? — איך געה אַרום יום־טוב מיט א שטעקיל און מיט אַ בוך...

בערגמאן האט עס ארויסגעזאגט מיט אַ מארנעם פייעריל אין די אויגען — א בייז פייעריל:

איהם האט זיך עפּיס געוואָלט א שטאָך טהון אין דעם אלטענס רוהיגקייט, אנשרעקען זיין שמחה — —

דער אלטער האט זיך צולאכט:

— היינטיגע יונגע־לייט האבען נור ליעב צו שטעכען זיך.. איך בין איין איינבינדער, ווייס איך, אז אייערע יונגע לייט האבען נור ליעב די חכמות: „מיין גאָט און אייער גאָט“...

דער אלטער האט זיך אָבגעשטעלט, ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגען, ציהענדיג טיעף זיין אָטהעם.

— זיי פיהרען מיט מיר ויכוחים.. ניין, יונגער־מאן, שמחת־תורה איז ניטא קיין פירוד־הלבבות — איין שמחה פאר אלעמען... וואס ארט מיך? נעמט ביי מיר בעסער נאך א שמעק טאבאק — זאל איך היינט מיין כבוד אויסכרעננען...

— ווי רופט מען אייך? — האט בערגמאן מיט א ציטער אין קול געפרעגט און האט אָנגעהאַפּט דעם אַלטענס א האַנד און פעסט געדריקט.

ער האט נאָך א שמעק־טאָבאק גענומען צוליעב דעם אלטען.

— א דאנה, ווי מען רופט.. א יוד — שלמה... איהר קאנט פערנעסען מיין נאָמען, נאָר מיין כבוד געדענקט, אויב איהר ווילט.. אָט, באמת גענאָסען... זאל אייך מיין כבוד וואהל בעקומען.. אַנ'ערשטעס מאָל איז דאָס ביי אייך, דעריבער ניסט איהר אַזוי פיעל...

דער אלטער האָט בערגמאנ'ס א האַנד אָנגענומען, און פריינדליך געשאָקעלט:

— א גוטען יום־טוב! — איך וויל געהן אין גאָס, מכבד זיין נאָך יודען מיט מיין כבוד...

בערגמאן האָט לאַנג געקוקט אַרויף, ווי דער אלטער האט מיט זיין קורצען אָטהעם געשטייגט פון טרעפּיל אויף טרעפּיל — — —

ווארשא, ליפמאן־לעווין.

---

## שמחת תורה אין דער קצבישער חברה.

דער עולם האט זיך נאך מיטאָג שמיני־עצרת אין דער קצבישער חברה צוזאמענגעקליבען. מיט מנחה האָט מען ר׳ ברוך פישער מכבד געווען; און ר׳ ברוך, דעם טלית אויף איין אקסעל פערלעגט, און אויפ'ן קאפּ א קאפּעלושיל, מיט ווייסע שלייפערליך און ווייסע פעדעמליך אַריינגעשטאָכען, שטעהט פאַר'ן עמוד און זינגט די יום־טוב'דיגע שמונה־עשרה. אונטער זיינע פיס איז אוועקגעשטעלט א באַנק, כדי ר׳ ברוך זאָל אומפאלען, ווען ער וועט די שמונה עשרה אויסגעהען. מען איז עפּיס דורך די „ימים־נוראים“־צייט מיט גאָט נאָהענטע מהותנים געוואָרען,- „אויף דו“...

ר׳ ברוך האָט שוין שמונה עשרה אָבגעזאָגט. דער עולם איז אַרויס מיט א פרעהליכען קדיש, אַזוי ווי דאָס מאָל וואָלטען די געשטאָרבענע מוחל געווען, אַז מען זאָל פאַר זיי בעטען... און ר׳ ברוך איז שוין אומגעפאלען, ווי מען האָט געוואָרט. מען האָט איהם מיט געזאַנג אויפגעהויבען און מיט גרויס פאראַד געפיהרט צום טיש, אנידערגעזעצט איהם אויבען אָן, ביים „רבי“ן און מכבד געווען מיט צוויי שטיקער לעקיך.

דער עולם איז געזעסען ארום ביי די טישען, און די גבאים האָבען דערלאַנגט.

און לעקיך האָט מען געטהיילט אומגעוואַגען, און בראָנפען האָט מען געגאָסען אומגעמאָסטען.

ביי דער טהיר זענען געזעסען זעקס בחורים'ליך אויף איין זייט, זעקס בחורים'ליך אויף דער צווייטער זייט: בעהעלפער פון חדרים, אתרוג ארומטראָגערס, הושענה מאַכער'ס, לולב בינדערס. די צוועלף בחורים'ליך האָבען געדינט אלס מוזיק אויפצונעהמען יעדען חברה מאַן, וואָס קומט אריין, מיט א פרעהליכען „ברוך הבא!“ און אבצוקנאַלען א „גוט יום־טוב!“ ביי א טרונק בראַנפען.

דער עולם האָט נור ביער געטרונקען, דעם לעקיך האָט יעדער פאָטער צוטהיילט פאר די קינדער, וואָס זענען מיט אין דער חברה געווען, און די עפּעל, און די ניס האָט מען בעהאַלטען פאר די ווייבער אין די קעשענעס.

די גבאים, אנגעטהון אין ברייטע פאַרטיכער, 'האָבען דערלאַנגט, דער עולם האָט געטרונקען. דער חברה־חזן מיט די משוררים האָבען א פרעהליכען נגון געזונגען, און דאָס יונגיל, דאָס קוויטשעריל, האָט אין דעם נגון א טרויעריגען „ונתנה־תוקפ“דיגען טאָן אריינגעהאַפּט, און דער באָס האָט אַ בעמלע געגעבען: אוי — אוי, — אוי. און דער עולם האָט מיטגעהאָלפען: אוי — אוי, או - אוי, — האָט עס אויסגעזעהען עפּיס, ווי א פרעהליכער יום כפור.

און וואָס אַמאָל האָט זיך דער „אוי — אוי“ אַליך מעהר פערגרעסערט, אַליך שטאַרקער געהילעכט. און האָט א יוד א בליק אין פענסטער געוואָרפען און די פערלאָפענע שויבען געזעהן, האָט ער מיטגעברומט: אוי — אוי, אוי — אוי, — דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט!

אַ צווייטער יוד האָט מיטגעזונגען: „דער אויוועז איז צובראָכען“, און אַ דריטער יוד האָט מיטגעזונגען: „און דער פעליך איז אויסגעקראָכען“, און דער איבריגער עולם האָט אַ ברום געגעבען: „און קיין געלד איז נישט דאָ“ — —

— „אוי — אוי אוי אוי“.

און אַזוי האָט דער עולם אונטערגעהאָלפען, ביז עס איז טרויעריג פרעהליך געוואָרען, און ר׳ ברוך פישער האָט דער ערשטער זיך פון ארט דערהויבען און האָט זיך אַלאַז געטהון טאַנצען:

— שישו, ושמחו בשמחת תורה!... היידא עולם! היידא! היידא!

— צוויי גולדען א פונט פישליך... האָט אונטערגעהאָלפען זינגענדיג אנטשיל קצב, און איז צו צו ר׳ ברוך'ן און איהם אנגענומען פאַר'ן לאַטץ.

— פערציג גראָשען א פונט פלייש... — האָט ר׳ ברוך געזונגען האַלטענדיג ר׳ אנטשלען פאר דער האַנד, און דער עולם איז אַרויס מיט א הילעך:

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

באַלד האָט זיך דער עולם איינגעשטילט. דער רבי פון דער חברה האָט דעם גרויסען „מדרש“ אין האַנד גענומען, פון וועלכען ער פלעגט יעדען שבת לערנען, אויפגעעפענט עס און אָנגעהויבען:

— נו, רבותי!

— רבי, א שטיקיל, א פרעהליכעס.

— א יום־טוב'דיגעס רבי, — האָט דער עולם געזאָגט.

— זיי ווילען א אגדתא, רבי, נישט קיין „הלכה“, -- האָט ר׳ מרדכי קצב זיין בקיאות פאַר'ן עולם ארויסגעוויזען.

דער רבי האָט א שמעק טאַבאַק גענאָסען און אנגעהויבען זאָגען:

— מיר וועלען מסיים זיין אין מדרש:

אז עס איז געקומען די צייט, ווען משה רבינו זאל נפטר ווערען, האט ער ביי גאט געבעטען: רבונו של עולם, פערציג טעג, פערציג נעבט בין איך ביי דיר געווען, בעט איך דיך, זאלסט מיך נישט איבער־געבען דעם מלאך המות...

— רבי, א פרעהליכעס! — שרייט דער עולם.

— ניין, רבי, טאקי דאס, — שרייט ר' ברוך און טרעהרען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען, - אט אזוי, ווייטער.

דער רבי זאגט ווייטער:

דעמאלט האט זיך משה געהייליגט ווי א מלאך, און גאט אליין האט אראבגענידערט צו איהם, צו צונעהמען זיין נשמה, און דריי מלאכים זענען מיט מיט הקדוש ברוך הוא, מיכאל גבריאל און זגזגאל.

— א רוח זאל... אט... — חליפעט ר' ברוך און קלאפט אין טיש אריין, — ביער! גבאים, וואס שלאפט איהר? אונזער משה רבינו נעביך, אונזערער.

און טרעהרען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען:

— אונזער הייליגער משה רבינו, — און ר' ברוך פישער איז צו צום ארון, אויפגעעפענט דאס פרוכת, און ער האט דער חברה'ס ספר־תורה ארויסגענומען, אנגעקליידט איז עס געווען מיט דעם נייען ווייס אטלעסען מענטעלע, און פון זילבער א מגן־דוד אויסגענייהט. און ר' ברוך האט מיט דעם ספר־תורה א טענציל ארום "שלחן" געמאכט:

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו...

און ער האט געוואַרט, ביז דער עולם וועט איהם אונטער־העלפען...

און דער עולם איז ארויס פון טיש:

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

— אין שוהל אריין, אין שוהל אריין! — און דער עולם האט זיך געלאזט אין שוהל.

צו ערשט זענען געגאנגען די בחורים מיט א פרעהליכען ניגון, דערנאך די קינדער מיט די ברענענדיגע פאהנעס, און ר' ברוך פישער אין הויזען מיט א שפענצער, מיט דעם קאפעלושיל מיט די ווייסע פעדערן אויפ'ן קאפּ, ער האלט אין האנד דעם ספר־תורה און טאנצט דערמיט אין גאס, און זינגט הויך אויפ'ן קול:

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו.

און דער עולם מיט'ן "רבי" געהען נאך ר' ברוך'ן, און דערנאך געהען די ווייבער פון די חברה לייט יום־טוב'דיג געקליידעט, פון פארענט שפרינצה, ר' ברוך פישער'ס ווייב פיהרט דעם פאראד.

עס האט שוין אנגעהויבען צו טונקלען, און פאר יעדען פענס־טער האבען ליכטליך געפונקעלט, און ווייבער, און מיידליך זענען מיט לייכטער און לעמפּ פאר די טיהר ארויס, צו מאכען א אילומינאציע פאר דער הייליגער תורה.

און ווייבער מיט ברענענדיגע ליכט זענען נאך דער הייליגער תורה נאכגעלאפען.

און טונקעל ווערט, די הערבסט־נאכט פאלט שווער איבער דעם שטעדטיל צו, און יודען געהען דארט... וויט... עס פינקלען נאך די ליכטליך, און עס הערט זיך נאך פון דערווייטען ר' ברוך פישער'ס קול:

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו...

אונזער משה רבינו!...

---

די יודען האבען געהאפט גאט אין קרענציל אריין, און געמאכט מחילה, מיט איהם א טענציל. דאס ארון קודש איז אפען און א ליכט ברענט זיך דארט, די קינדער האלטען פאהנעס אין די הענד, אויף די שטעקעליך פון די פאהנעס זענען רויטע עפעליך און אין זיי זענען אריינגעשטעקט ברענענדיגע ליכטליך. די קינדער שטעהען אויף די בייגק און שרייען: "גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!" אויסגעמישט איז דער עולם. נישטא היינט קיין אונטערשיד, היינט זענען אלע גלייך, סיי רייך, סיי ארים — אלע זענען "מורנו'ס". יעקל וואסערטרעגער האט זיך ארויפ־געהאפט אויבען אן, אויף מתתיהו גאלדמאנ'ס שטעל, באלד ביים רב, אין דער מזרח וואנד, און ר' יעקל וואסער־טרעגער רייבט זיך צו צום קרענציל נגידים, וואס שטעהען ביים רב. און ר' יעקל וואסער־טרעגער גיט א שאקעל מיט'ן קאפּ און זאגט הויך: "גוט יום־טוב, רבי!" און שאקעלט זיך פרום.

די חברה־לייט קומען זיך צוזאמען אין שוהל אריין, יעדער פאלק מיט זיין שטאב און זיינע פאלקאווניקעס, יעדע חברה מיט איהר הייליג ספר־תורה פאראויס, און מיט איהרע גבאים, מיט איהר לעקיך און בראנפען, מיט איהרע חברה־לייט, און חברה־ווייבער, און חברה־קינדער. יעדע חברה קלויבט אויס איהר דעלעגירטען און שיקט איהם מיט'ן ספר־תורה ארויף אויפ'ן בעלעמער. און דא, אויפ'ן בעלעמער קענט איהר דערקענען יעדע חברה מיט איהרע סמנים. אט זעהט איהר אונזער בעקאנטען ר' ברוך פישער (דעלעגירט פון דער חברה קצבים). אט שטעהט ער מיט דעם קאפעלושיל אויפ'ן קאפּ, אין די הויזען מיט'ן שפענצער, און האלט דער חברה'ס ספר־תורה, און די חברה לייט קוקען אויף ר' ברוך'ן און קוועלען פאר נחת, נעבען איהם שטעהט דער דעלעגירטער פון דער חברה "פועלי צדק" (שניידערס און שוסטערס), ר' געציל דער טאג־חזן פון בית המדרש, וואס זיין רעדען איז שטענדיג מיט דעם ניגון פון "וישתבח". די חברה "פועלי צדק" האבען זיך גע־לאזט בענינען דערמיט, דאס זייער דעלעגירטער, ר' געציל, טראגט א פערקעהטע קאפאטע מיט א פערקעהרטען הוט. און דאס ספר־תורה, פון דער חברה "פועלי צדק" האט א שען סאמעט מענטעלע מיט אויסגעהעפטע לייבען, פון דער חברה "תמימי דרך" (בעלי בתים, סוחרים, ארענטליכע שניידער'ס) איז דעלעגירט ר' אפרים עקר, א יוד וואס האט קיין קינדער ניט און וואס האט פאר זיין אייגען געלד א ספר־תורה געלאזט שרייבען.

דער דעלעגירטער פון דער חברה "תמימי דרך" טראגט א פאר־טוך אויפ'ן קאפּ, און דאס ספר־תורה — א זילבערנע "עטרה", מיט א זילבערנעם "יד", פון דער חברה "נקי כפים" (טרעגער'ס און וואסער־פיהרער'ס) איז דעלעגירט עפּיס א הויכער יונג, וואס האט תמיד א פערבונדען אויג, אז מען מיינט, דאס ער איז געבוירען מיט'ן טיכיל אויפ'ן אויג, און דאס טיכיל איז אין דער וואכען—שמוטציג, שבת—האלב ריין, און יום־טוב קלאהר. ער האלט אין דער האנד דער חברה'ס ספר־תורה, א נאקעטס, נעביך, און א קליינס, — א עופ'לע פשוט, און טראגט, ווי איהרע בעלי בתים, א ציינען מענטעלע, און די עטרה מיט'ן יד זענען נעביך פער'יַשב'עט.

באלד איז מען מכבד דעם רב פון דער שטאדט מיט דער שטאדטס ספר־תורה, א גרויסעס, מיט א גאלדענער "עטרה" און מיט א גרויסען גילדענעם יד.

און דער "חזן" מיט די "משוררים", דארט ביים "עמוד", האבען דעם סיגנאל געגעבען, און עס איז ארויס מיט א געזאנג, דער רב מיט'ן

ספר־תורה פון פארענט, און נאך איהם ר' אפרים דער דעלעגירטער פון דער חברה „תמימי דרך" מיט זיינע חברה־לייט און גבאים און חברה־ווייבער און חברה־קינדער, דערנאך דער דעלעגירטער פון דער חברה קצבים, ר' ברוך פישער, מיט דער חברה'ס ספר־תורה, און חברה־לייט, און מיט די גבאים, און מיט חברה ווייבער, און חברה קינדער, און דערנאך ר' נעציל דער דעלעגירטער פון דער חברה „פועלי צדק" מיט זיינע חברה־לייט, און דערנאך דער הויכער יונג מיט'ן פערבונדענעם אויג מיט'ן נאקעטען ספר תורה אין דער האנד.

און דער ארומיגער עולם האט א וועג געמאכט פאר דעם עולם מיט דעם „עוזר דלים"...

און הינטען ביי דער טיהר, זענען פיעל ווייבער, פיעל מיידליך געוועזן יום־טוב'דיג געקליידעט, און געפאטשט מיט די הענד, און גע־שריען; טהיילמאל האט זיך א בחור'ל אונטערגעהאפט, אויפגעזוכט זיין „געליעבסטע", וואס ער האט זי פון ראש חודש אלול ביז נאך הושענה רבה, דערווייל, „אוועקגעווארפען" — און די הייליגע שוהל, האט איינ־מאל אין יאהר געדיענט אלס „ראנדעוואו !...

---

פינסטער איז שוין געווען, אין גאס האט געבלאזען א קאלטער הערבסט־ווינד, פון אויבען, פון הימעל האבען די שטערן קאלט ארא־געשיינט, דאכט זיך, זיי שרעקען עפּיס...

עניג פון א חסידים־שטיבל איז דער עולם ארויס, אין דער קליינער סענדער לייב האט פאראויס געטאנצט, עס איז ארויס אויך דער עולם פון שוהל, יעדע חברה מיט איהר הייליג ספר תורה און מיט איהרע חברה־לייט האט זיך אין א אנדער גאס געלאזט, אין גאס ווערט אליך שטילער.

נאר פון דערווייטען פלינקען נאך די ליכטליך און עס הערט זיך נאך דאס זינגען:

— אונזער משה רבינו, שישו ושמחו בשמחת תורה!

מען פרעהט זיך: יעדער האט דאך שוין זיינע תבואות פון פעלד אראבגענומען... דער שייער איז פול...

— — — — — — — — — — — — — — —

מארגען ווערט דער ערשטער פראסט זיין...

שלום אש.

---

## ליטעראטור און לעבען.

### III. ספקות.

אין קראשינקים גארטען, צוויי יונגע לייט.ביידע רעדען יודיש. נאר איינער ליטוויש — דער צווייטער פיליש יודיש. דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איהר זייט נאך אליך נישט קיין ציוניסט?

— ניין.

— אנטי?

— הלילה, פאר וואס אנטי? מורא האבען פאר דער „גאזעטא פאלסקא"?

— וואס דען?

— איך ווייס צו ווענינ!

— דהיינו?

— אט... איך פלעג אמאל ערנסט דאווינען... און דאס דאווינען איז — ירושלם און ירושלם! ארץ ישראל און ארץ ישראל!

ווייס איך אבער נישט, צי האט מען ירושלם און ארץ ישראל דעריבער נישט פערגעסען ווייל מען דאווינט אזוי פיעל; צי מען האט נור דעריבער נישט אויפגעהערט צו דאווינען, ווייל מען קען אן ירושלם און ארץ ישראל נישט פערגעסען?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — א לאנד — האט מיר דער מלמד נעטייטשט — וואס פליעסט מיט האניג און מיט מילך—האניג און מילך האט א קינד ליעב ווי דאס לעבען! ווייס איך? אפשר האב איך מיך דעריבער דערפ־עהט, אז איך האב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאנץ גוט יונגיל־וויז... די שפעטערע צייטען בעמיה איך מיר צו פערגעסען... קיין גרויסע האפנונגען אויף שפעטער האט מען אויך נישט... און, אז עס ווערט נישט גוט אויפ'ן הארץ, אנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאהרען, ווי א טויב אין טויבענשלאג אריין... איך ווייס נישט, אגיב אלע טהוען אזוי, איך טהו עס, און עס העלפט אמאל און פערטרייבט די מרה־שחורה... געדענק איך, ווי אלע מיינע חברים פלעגען מיט שמחה וששון נאכלויפען דער פאלקאוואי מוזיק. בכלל דעם מיליטער. אין ווארשוי זעהט מען עס זעלטענער, איז עס מעהר אינטערעסאנט — קינדער לויפען... מען קען זיך נישט זאט אנקוקען, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסען; זאט אנ־הערען די שטארקע, פעסטע מעשענע קולות, וואס געהען ווי איינעהמען א וועלט. איך איינער, געדענק מיך, פלעג מיך נישט פ־עהען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז ווען עמיץ בעפאלט מיך, מיין טאטע־מאמע, מיינע ברידער און שוועסטער, וועט דאס חיל נישט זעהען, נישט הערען, און ווייטער מארשירען און ווייטער שפיעלען, און ווייטער געהען איינעהמען די וועלט... און דעריביי פלעגען זיך מיר בעוויזען טרעהרען אין די אויגען... פשוט פאר הנאה: וואו איז מיין מיליטער, מיין מוזיק? אז יענער האט...

איך פלעג, מיט פערמאכטע אויגען און א צורודערטער נשמה, אויסהערען מעשיות פון משיח'ס צייטען. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערצעהלען, די באבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש—עלטערע יונגליך. ווי ליעב האב איך געהאט דעם „מלך המשיח"! מיט אלעם גוטען און טהייערן האב איך איהם בעקליידט און בעהאנגען! ביי א רייכער מוהמען (זי'אי' שוין אויפ'ן עולם אמת) האב איך אבגעריסען די פערל פון האלז ביי'ם גענעראל, וואס האט געוואהנט געגענאיבער — די ווייסע פעדערן פון איבער'ן קאסק... ביי'ם כהן־גדול—דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך ווייס? נאקיט און בארוויס וואלט איך א וועלט געלאזט! אבער נישט שטענדיג. טהייל מאל האט מיך מעהר גענומען משיח בן יוסף, וואס דארף אומ־קומען, געהרג'ט ווערען... און איך האב אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל: פאר וואס? פאר ווען? און נאך וואס זאל איינפאלען די אייזערנע בריק? און איך פלעג טראכטען: ביי יציאת מצרים האט ער די מלאכים נישט געלאזט זינגען: מעשה ידי — זאגט ער — טובעים בים... און לעתיד לבא... אזוי אהן רחמנות? וואס זענען זיי ערגער פאר די מצרים?

— קינדער־געדאנקען!

— עהרליכער ווי מענשען־געדאנקען, און א אמת'ער אויך! דאס זענען די גאלדענע פעדעם, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אויס א נשמה פון א מענש, א פרישע ריינע נשמה...

נאך געדענק איך: אין דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואס האבען מיט גוטע יידליך אויסגעשווינדעלט ארבע מאות כסף... אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אבינו, אנגעלעהנט מיט'ן א קאפ

אויף דער מוטער שרה'ס שוים... די הגדה דערצעהלט אזוי... און איך זעה בהוש ווי די מוטער שרה, מיט א קעפיל ווי ביין א ציטער־נאדעל, זיצט און פיהרט מיט לאנגע, גור דינע און דורכזיכטיגע פינגער, צווישען אברהם אבינו'ס זילבערנע לאקען... אזוי זיצען זיי אוןביידע האבען פערמאכטע אויגען, און עפענען די אויגען וועלען זיי ערשט ביים שופר של משיח, ווען די טערקישע ווארטע וועט פערשטיינערט ווערען פאר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציהען צו דער מערת המכפלה... צום זיידען, צו דער באבען...

נאר אויך נישט שטענדיג!

טהייל מאל פלעגט מיך וואונדערן: פאר וואס טראגט עס אברהם אבינו האה־ אחוץ בארד און פאית?

טהייל מאל פלעג איך נאר זיין פון הגר'ס צד, און וועלען דער מוטער ש־ה'ן אנטהון א שפיציל! און איך פאנטאזיער הייך צווישען די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אנטלויפען קיין ארץ ישראל, שטעלען מיך דארט פאר א זעלנער. און, אז עס וועט מיר אנ־קומען צו שטעהן אויף דער וואכט פאר דער מערת המכפלה, וועל איך ביי נאכט, אז קיינער וועט נישט זעהן, שטילערהייט אוועקשטעלען דעם ביקס, אריינהאפען זיך אין דער הייל, אויף די נעגיל צוגעהן און געבען דער מוטער ש־ה אין נעזיל אריין — — —

נאר ארויסזאגען: „א שנעל", האב איך די העזה נישט געהאט.

— בעסער א שמעק טאבאק! האט דאך עמ'ץ אונטערגעחאפט...

— קונדייסים!

— גוטע צייטען געווען!... און וואס נאך האב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צו כותל מערבי, האב איך געהערט, קומט מען צוזאמען מארבע פנות העולם וויינען, די וואנד איז גליטשיק פון טרעהרען...

און איך האב געגליסט צו דער כותל מע־בי... דארט א תשעה־באב! צווישען איין עולם מארבע פנות העולם ווארפען בערעליך!

טהייל מאל איז מיר בעסער געפעלען די אילומינאציע אויף רבי שמעון בן יוחאי'ס קבר! ווייבער ווארפען פון די אקסעל אראב די טהייערסטע פערשיעדענפארביגע טערקישע שאלען, טינקען איין אין פעסער שמן־זית און צינדען אן! — — א חוץ אזוי הבדלות, ליכט און קאליערטע פאפירענע לאמטערן! אה!

נאך, ביי אונז אויפ'ן הויף — מיר האבען דעמאלט אויף דער פראנציסקאנער גאס געוואהנט — האט געוואהנט אויך א שוחט, אברהם מאניס האט ער געהייסען. א שם־דבר איז ער געווען דער אברהם מאניס. ווען ער פלעגט מיך ט־עפען, פלעגט ער מיך קנייפען אין בעקיל — איך בין א שטיקיל עלוי געווען און ער—איין אלטער מתמיד! דער נאמען „אברהם מאניס" געדענק איך. נאר פארשטעלען קען איך מיר איהם שוין נישט. פערמאך איך די אויגען, זעה איך נישט מעהר, ווי א ווייסע, לאנגע, זעהר לאנגע בארד; זי איז געווען די לענגסטע אויף דער פראנ־ציסקאנער גאס, די לענגסטע אין גרויסען מנין. טהייל מאל זעה איך נאך א רויטען האלז־און־נאקען פון הינטען, מיט א שטיק בעוואקסען „הארץ פון פארינט" — ער איינער פלעגט נאך טראגען „איין אפען העמד מיט נאכגעלאזטע בענדליך... מעהר זעה איך שוין נישט... אט דער אברהם מאניס איז מיט דער צייט שוואך געווארען אויף די אויגען, אוועקגעלעגט דעם חלף און געקליבען זיך קיין ארץ ישראל —

אין מנין איז געווען א רעש. לומדים האבען געקלערט, צי מעג מען אויסמיידען משיח'ן, מען האט אויפגעמישט הונדערטער גמרות און ספרים, אהין און אהער, — מען האט זיך צושוויצט, צואמפערט... נאר אזוינע וויכוחים פלעגען זיין וועגען איין על חטא ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגען אזוי לאנג דויערען, ביז איין אלטער מנין־יוד האט זיך אויפגעשטעלט און פאר'ן עולם עדות געזאגט, ווי אזוי מען האט זיך נוהג געווען פאר־יאהרען! און אזוי איז געבליבען. דא אויך. דער מ נ ה ג איז, אז ווער עס וויל פערשפארען גלגול מחלות, פ א ה ר ט קיין ארץ ישראל...

צווישען אונז יונגליך איז אויך געווען איין אנדער מין וויכוח... מען האט זיך אנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האט געלאכט: „וואו מען מעג ווערען יעדנעראל דארט איז ארץ ישראל"—דא! איהם פלעגט זיך שטענדיג חלומ'ען א רייט־פערד מיט עפאלעטען!

און אין דער היים ביים וואר־מ'ס האט מען געקלערט: ווי אזוי וועט אב־הם מאניס, דער אלטער בטלי, מיט די האלב בלינדע אויגען, טרע־פען קיין ארץ ישראל? די מאמע פרעגט: ווי א־ום פאהרט מען קיין ארץ־ישראל... דער טאטע זאגט, אז מן הסתם איבער קאנסטאנטינאפאל... און וואו ליגט קאנסטאנטינאפאל? ווייט, ווייט! און מען האט געשפינען א מארנע געאגראפיע איבער טהאל און בערג, נאר די אלטע מירל האט זי איבערגריסען. די אלטע מירל איז געווען אונזער דיענסט און האט געזאגט, אריינברענגענדיג דאס ציבעלע פלייש, אז אויפ'ן הויף זאגט מען אויף זיכער, אז „ראני" די אב־הם־מאניס'עכע פאה־ט מיט... „ראני" וועט טרעפען! זאגט די מאמע. אלע זענען מודה, אז „ראני" וועט אויס'ן פייער נישט פערברענט ווערען!

דעם נאמען „ראני" געדענק איך דורך אברהם מאניסעס א גלייכ־ווערטיל. אז ער פלעגט פון שחט'הויז אהיים קומען שפעט, פלעגט ער אנקלאפען: קומי רוני בלילה!

און ליעב האט זיך דאס אלטע פאר פאלק געהאט, נאך ווי ליעב!

אברהם מאניס איז אונזער בעל־תקיעה געווען — —

און דאס אנטהון פלעגען זיי, א פנים, האלטען אויף איין בענ־קיל... און איינמאל ראש השנה איז אברהם מאניס געקומען צו די תקיעות אין ראנים א העמד במקום א קיטעל! און האט נאך געשמייכעלט: „נישט קשה אזא טעות, ראני איז א צדקת!" נאר פארשטעלען ראניען קען איך מיר אויך נישט: איך געדענק נור: א קליינע, א פרעה־ליכע, א דורכזיכטיג פאפירען נעזיל מיט א קול פון א פייגעלע. נאר „ראניע איז א לייט, מיט איהר וועט ער זיך שוין דורכשלאגען!"

געגען וואס דערצעהל איך עס?

יא... ראניע איז צוריק געקומען פון קאנסטאנטינאפאל...

זי איז קראנק געווארען פאר בענקעניש, און פלוצים פחד בעקו־מען פאר'ן ים... אברהם מאניס איז ווייטער געפאהרען...

ראני האט איהם פערלאזט!

אז זי האט צוריק צו וועגס דערזעהן די ווייקסעל, האט זי געוויינט פאר פרייד! אין גאס האט זי ממש געטאנצט — דערנאך איז זי געלאפען אויף בית עולם ארויס און געפאטשט אין די הענטליך: מיינע ליעבע קברים, מיינע טהייערע קברים!... און עליה השלום, דער באבען מיינער, האט זי מיט גרויס נחת און מיט טרעהרען אין די אויגען דער־צעהלט, אז, געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, וואס זי האט זוכה געווען מיט איהרע אייגענע הענד אנצוריהרען די שיף, וואס איז אוועקגע־שוואומען גלייך קיין ארץ ישראל...

זי האָט אָנגעריהרט די וואַנד פֿון שיף און די האַנד געקושט, ווי ביי אַ מזוזה!

— ווייבערישע זאַכען...

— ניין, דו ביסט צו טרוקען, דו פֿערשטעהסט עס נישט: אַ ווייבערישע צי אַ מענישע, נאָר אַ האַלבע נשמה דאָ, אַ האַלבע דאָרטען;

— מען רעדט דאָך אָבער נישט פֿון אַלטע יודען און יורענעס, וואָס אַנטלויפֿען פֿאַר גלגול מחלות... נישט פֿון שטאַרבען, פֿון לעבען רעדט מען!

— איך ווייס? דאָס איז געווען גירסא דינקותא... חדר־זאַכען... און היינט וואָס ווייס איך? וואָס גיבען מיר די „בלעטער“? ...

איך לעז, וואָס עס לאָזט זיך לעזען... איך אַליין אויף פּאָליטיק פֿערשטעה מיך נישט... נאָר אַזוי, וואָס הערט זיך דאָרט?

איינער זאָגט: יק"א און ראָטשילד הרג'נען די קאָלאָניעס מיט זייערע שווערע פֿלינעל, וואָס זיי האָבען איבער זיי פֿערשפּרייט... דאָס אַפּטרופּסות איז סם המות! עס וואָלט שוין לאַנג דאָרט פּתאום וְרֶעמֶסֶם טפּו! ווי דאָס גלות האָט זיך איינגעגעסען, איך מיין „איש תַּחַת גַּפְנוֹ“ געווען, און ווי ווייטער שטעהט... קומט אַ צווייטער און זאָגט: ניין, דער חסרון איז, וואָס מען וויל איבער נאַכט מאַכען פֿון אַ סוחר אַ פּויער... אומגעלערנט מאַכען... איין אַגראָנאָם־שולע דאַרף מען, עפּענט איין אַגראָנאָם־שולע וועט זיין ששון ושמחה... קומט דערנאָך אַ דריטער, אַ כתוב השלישי און זאָגט: וואָס ווילט איהר? פייגעל מילך? עס געהט על צד היותר טוב! אַ מְחִיָה! און באותו הֶרֶגַע, ווי איך לייען עס, קומט אַריין איין אַרימאַן... ווער ביסט דו? אַ געוועזענער קאָלאָניסט אין ארץ ישראל...

ער האָט דעם „חלב ודבש“ אַ פּנים, נישט פֿערדייעט!

זיי שווייגען אַ ווייַלע, און דער ליטוויש־רעדער זאָגט:

— עס האָט זיך געמאַכט אַ נייע חברה צו שטודירען, אויסצופֿאָרשען ארץ ישראל...

— באַ! וואָלט געווען איין עסק... קלאָרע דבורים...

וואָרום נאָך אַמאָל דאָס זעלבע: אויף פּאָליטיק פֿערשטעה איך מיך נישט... אַדיע!

— אַדיע!

לצפ"ר.

---

## פּאָליטישע איבערזיכט

די רומענישע יודענפֿראַגע. — אַ באָלגאַרישער יום טוב. — די בורען.

דאָס אָנגעהמען זיך פֿון אמעריקא פֿאַר די רומענישע יודען האָט דערווייל צו קיין רעזולטאַטען נאָך ניט געבראַכט. די אייראָפּעאישע מלוכות האַלטען נאָך אַלץ אין איין שווייגען. וואָס ווייטער, ווערט אָבער אַלץ קלאָרער, אַז אייראָפּא וועט זיך אָבזאָגען פֿון יעדער ארבייט פֿאַר די רומענישע יודען. אין יעדער אייראָפּעאישער מלוכה איז דאָ אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, און קיין רעגירונג וועט ניט וועלען צוליעב די יודען איינרייסען מיט אַ וועלכען ס'איז צד. אמת, עס זענען אויך אומעטום דאָ אַנדערע צדדים, וועלכע האַלטען פֿאַר יודען, אָבער זיי זענען אין ערגיץ ניט אַזוי שטאַרק פֿעראינטערעסירט מיט דער יודישער לאַגע, אַז זיי זאָלען צוליעב די יודען וואָס עפּיס טהון. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע טעמים, וואָס שטערען אייראָפּא זיך אַריינצומישען אין די ענינים פֿון רומעניען: אייראָפּא וויל בכלל ניט, אַז אמעריקא זאָל אויך שטעקען אין אייראָפּעאישע פֿראַגען. אמעריקא שרייט ביי יעדע געלעגענהייט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אַז אַ אייראָפּעאישע מלוכה זאָל זיך מישען אין די ענינים פֿון אַמעריקאַ. און ווי אַזוי־זשע, פֿרעגט מען אין אייראָפּאַ, וויל זיך אַמעריקא מישען אין אונזערע ענינים? נאָך אַ טעם שטעלט מען אַרויס אין פֿראַנקרייך: די איצטיגע פּאָליטיק וויל זיך ניט רעכענען מיט הלוכות און אידעאַלען. די פּאָליטיק, זאָגט מען, דאַרף זיך נור רעכענען מיט דעם וואָס איז נִיטצליך. אויף וואָס פֿאַר אַ טובות קען אָבער וואַרטען פֿאַר זיך אַ וועלכע ס'איז אייראָפּעאישע מלוכה, ווען זי וועט זיך אָננעהמען פֿאַר די רומענישע יודען? צוליעב וואָס זאָל זיך אייראָפּא אָננעהמען?

און די דאָזיגע קאַלטע און טרוקענע רייד פֿון פֿיעל אייראָפּעאישע צייטונגען פֿערלעשען אין גאַנצען די וואַרימקייט, וועלכע עס איז נאָך צו זעהן אין די ליבעראַלע צייטונגען, וואָס נעהמען זיך אָן פֿאַר די רומענישע יודען. די אַרטיקלען פֿאַר די רומענישע יודען הויבען שוין אָן איצט צו ווערען זעלטענער און קיהלער. זאָלען זיך די רומענישע יודען אַליין העלפֿען, דאָס איז דער שלוס, צו וועלכען מען דאַרף קומען פֿון אַלע מאמרים אין די בלעטער.

די רומענישע רעגירונג האָט אָבער גאַנץ אַנדערש פֿערשטאַנען די צירקולאַרען פֿון אַמעריקאַ און ענגלאַנד. זי איז געקומען צו דער דעה, אַז די ביידע מלוכות פּראָטעסטירען נעגען איהר, ווייל די יודישע עמיגראַנטען פֿאָהרען אָדער קיין ענגלאַנד, אָדער קיין אמעריקא. ווען זי אָבער די יודען ניט לאָזען אַרויספֿאָהרען, טראַכט זיך רומעניען, וועלען דאַן אמעריקא און ענגלאַנד ניט מעהר זיין פֿעראינטערעסירט מיט איהרע יודען, ווי אַנדערע מלוכות, און זיי וועלען ממילא פֿערשווייגען ווערען. געדאַכט און געטהון. און רומעניען האָט איצט אויפֿגעהערט אַרויסצוגעבען יודען אויסלענדישע פּעסער, כדי זיי זאָלען ניט קאָנען אַרויספֿאָהרען פֿון לאַנד. די יודישע עמיגראַנטען, וואָס זענען שוין געווען אין וועג, האָט זי פֿון דער גרעניץ אומגעקעהרט צוריק. די גרעניצען האָט זי פֿאַר די יודען פֿערשפּאַרט, און דורכדעם האָפֿט די רעגירונג איינצורוהיגען אמעריקא און ענגלאַנד.

פֿאַר אונז איז זעהר וויכטיג צו זעהן וואָס וועלען אויף דעם אמעריקא און ענגלאַנד ענטפֿערן. מיר ווילען האָפֿען, אַז דער יושר, אין וועמענס נאָמען זיי זענען אַרויסגעטרעטען, איז ניט געווען פֿאַר זיי קיין פּוסטע מליצה, אָדער אַ שלייער, מיט וועלכען זיי האָבען געוואָלט פֿערדעקען זייער פֿערלאַנג, אַז יודען זאָלען צו זיי ניט פֿאָהרען.

דערווייל ווערט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אייראָפּא אָבגעצויגען צו אַנדערע פּאָליטישע פֿראַגען, און צווישען זיי פֿערנעמט די פֿראַגע וועגען די קריסטען אין די טערקישע מדינות אַ וויכטיגען אָרט. עס איז איצט געוואָרען 25 יאָהר, זינט באָלגאַריען איז בעפֿרייט געוואָרען, און אויף די באַלקאַנען איז געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער מיליטערישער יום־טוב, אויף וועלכען עס זענען געווען די פֿאָרשטעהער פֿון דעם רוסישען און באָלגאַרישען חיל. דער רוסישער גראָספֿירסט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און פֿערדינאַנד, דער פֿירסט פֿון באָלגאַריען, האָבען געהאַלטען רעדען וועגען דער פֿריינדשאַפֿט און ברידערשאַפֿט צווישען די ביידע סלאַווישע פֿעלקער. די פֿייער האָט געהאָט אַ פֿייערליכען כאַראַקטער. מען האָט נור געוואָלט אויפֿלעבען אין זכרון די שטורמענדיגע טעג פֿון דער מלחמה. אָבער ביי דעם בעסטען ווילען, אַז דער יום־טוב זאָל זיין נור אַ פֿייערליכער, האָט ער אָהן אַ שום ספק געוועקט אין די קריסטען, וואָס וואָהנען אין טערקיי, גאַנץ אַנדערע געפֿיהלען. עס דאַרף ניט פֿערגעסען ווערען, אַז די טערקישע לענדער מאַקעדאָניען און אַלבאַניען זע־

נען אנ׳ארט, וואו עס איז גענוג איין פונק, אז עס זאל זיך אנצינדען א גרויסע שרפה. און מיר הערען אויך איצט פון אונארדנונגען, וואס זענען ענטשטאנען אין די ביידע אנגע־ופענע מדינות. טערקיי רופט צונויף היל, זי רופט אפילו איצט צונויף איהרע רעזערוועו, און זי וועט גלייך אין אנהויב זעהן צו דערשטיקען יעדען סימן פון א מרידה. צו טערקיים גליק אין צום גליק פון גאנץ איירופא לעבט איצט איירופא אין שלום מיט טערקיי, און איירופא וויל צוגלייך מיט איהר בשום אופן ניט דערלאזען קיין סכסוכים אדער מרידות אויף די באלקאנען. דער שלום איז אבער אנגעקינסטעלטער און וועט לאנג זיך ניט קענען האלטען. פריהער אדער שפעטער וועט דאס ברען־מאטעריאל, וואס קלויבט זיך צונויף אויף די באלקאנען, זיך מוזען אנצינדען.

פון טראנסוואל און אראניען קומען טרויעריגע ידיעות. די בורען געפינען זיך אין זעהר א שלעכטער לאגע. זייערע דערפער זענען פערברענט, זייער פיה איז צויאנט, און א גרויס עלענד איז איבער׳ן גאנצען לאנד. די קאפיטאלען, וואס ענגלאנד האט בעשטימט אויף אויסציבייען די הרוב געוואר־ענע דערפער, זענען ניט גענוג. די בויערשע גענעראלען זענען געוועזען אין לאנדאן, אום זיך משתדל צו זיין ביי דער רעגירונג, זי זאל פערגרעסערן די הילף פאר די בורען. זיי האבען אבער גאר נישט ניט נעפועל׳ט. איצט האבען זיי זיך געווענדט מיט א קול קורא צו גאנ׳ץ איירופא און בעטען, מען זאל קומען די אומגליקליכע בירען צו הילף.

צו דעם צוועק מאכען אויך בויערשע גענעראלען א רייזע איבער איירופא.

דאס איז דער סוף פון דער אומגליקליכער מלחמה, אין וועלכער די בירען זענען ארויסגעטרעטען אין נאמען פון פרייהייט און יושר.

י. ל.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

נישט א י ך אליין בין פרום און דאווען, נאר אפילו מעשה־ידי — מיין "שטעדט־און־שטעדטליך"־פעליעטאן!

עס איז אפילו א י ו ד י ש קינד, א ג ל ו ת קינד... אזוינס אז עס געביערט א בייזע לשון־קודש קאין, בייסט זי איהם באלד דאס ווייכע קעפיל אב און עס דערלעבט נישט צו זעהען די ליכטיגע שיין! און דאך, קוים שפרינגט עס מיר פון הארי׳ן ארויס, נאך דער נאפ׳ל נישט אבגעשניטען, פערלעגט עס שוין די פרומע הענטליך און עפענט דאס קליינע מיילעכיל און זאגט אויף לשון קודש:

— "אלהי,

"עד שלא נוצרתי אינני כדאי!

"ועכשיו, שנוצרתי —

"כאלו לא נוצרתי?"

עס האט אביסיל "גראם" אין זיך, נאר א סך אמת!

אויף וועמען ווירקט מען? ווער הערט און פערבעסערט זיך?

דער נ ע ט ר א פ ע נ ע ר זאגט: א בלבול; דער גישט־געמיינטער — א, א גלייך ווערטיל!

א פיין־געבילדעטער, פיין דערצויגענער ציהט צוזאמען די פוילע ליפען: פוי!

א פיין געבילדעטער, פיין דערצויגענער מענש דארף קיין מגיד נישט! ער האט זיין אייגען ג ע ו ו י ס ע ן, א פיין ווייס דערצויגען שויס־קעציל מיט שטענדיג אבגעשניטענע נעגאל ד, וואס בייסט נישט, קראצט נישט, נאר גלעט איבער דער נשמה!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

א מענש בעשטעהט פון א גוף מיט א נשמה. דאכט זיך, אז די נשמה איז דער עיקר, דאך קומט ארויס פערקעהרט. אז דעם גוף איז עפיס, דערפיהלט באלד די נשמה און מען לויפט צו וועמען מען דארף, א צאהן ארויסרייסען, אבשניידען איין איבערוואוקס, אויסברענען א ווילד־פלייש, א פאליפ... פרעגען אין וועלכען באד אריין מען דארף פאהרען אין אין גאס וועט איהר קיינמאל נישט זעהען, ווענינגסטענס זעהר זעלטען, עס זאל ארומגעהען א מענש מיט א פוילען גוף!

אבער פערפוילטע, איבערגעוואקסענע נשמות? אויף יעדען שריט און טריט. נור אז די נשמה ווערט קראנק, האט נישט ווער צו פיהלען.

אז דו זאגסט עמיצען אין גאס: וואס זעהסט דו עס אזוי שלעכט אויס? נעמט ער עס אן פאר א גוטע מטבע, א קאמפלימענט פאר חבר׳קייט! פריוו אבער און זאג עמיצען: "וואס איז דיין נשמה אזוי בלאס, אזוי איש־נראה אדער פויל־גרין ווי א סוף־זומער־בלאט?" שילט ער דיך אין טאטענס טאטען אריין!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און מיט א אנגעשוואלען קול פון רחמנות זאג איך א פיין־געבילדעטען מענש: "הער, דו ביסט א צייט געשלאפען... מיט א פרעמד ליעדיל האט מען דיך איינגעשלעפערט, און דו האסט עס אין שלאף ווייטער געזונגען, דאס נארישע פרעמדע ליעדיל... און בשעת דו ביסט געשלאפען און דאס נאר־ישע פרעמדע ליעדיל געזונגען, איז דיר א הייש־עק מיט א קופערן פיסקיל אין דער נאז אריין, פון דער נאז אין קאפ אריין, און האט דיר פון מח א שטיק געהירן אויפגעגעסען און דו ביסט ווייטער געשלאפען און דאס נארישע פרעמדע ליעדיל געזונגען, ביז עס האט דיך אויפגעוועקט א געשריי, א לארם: דיין הויז ברענט! און דו האסט זיך אויפגעחאפט ה א ל ב מענש, מיט האלב געהירן, געעפענט א פאר נארישע אויגען, איין אויסגעפוילט מויל (אין שלאף האסט דו די צייהנער פערלוירען) און זינגסט ווייטער דיין שלאף־ליעדיל, און ציטערסט פאר שרעק און דרעהסט דיך ארום ווי א פערלארענע שאף איין ארט ארום אין ארום, ארום און ארום" — —

און מיט א קול אנגעשוואלען פון רחמנות זאג איך ווייטער דעם געבילדעטען מענש מיט דעם האלב אויסגעגעסענעם געהירן: "הער אויף צו זינגען, די זינגצייט איז שוין לאנג פאריבער... נא! נעם א שמעקטאביק, ניס אב, ניס אב שטארק. וועט דיר דער הייש־עק, וואס עסט דיר אויף די געהירן פון קאפ, פון נאז ארויס און ווער גענעזען!"

בייזערט ער זיך!

א נאגעל, אז ער פעררייסט זיך, לאזט ער זיך אפעריר־ען, און אז מען עסט איהם דעם מח, די נשמה אויס, פיהלט ער נישט און זינגט, און בייזערט זיך!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און טרעף איך א פראסטען גלות־יוד, און געה צו און זאג איהם: ארויס פון בודע! עפענט ער אויף מיר א פאר אויגען!

זאג איך איהם: הער, דו האסט געשלאפען... דו האסט אזוי לאנג געליטען ביז דו האסט איינגעשלאפען... און אין שלאף האסט דו געקרעכצט, נישט געזונגען... אייגענע ליעדער האסט דו לאנג אין צרות פערגעסען און פרעמדע נישט אויסגעלערנט... נאר בשעת דו האסט געשלאפען, איז די שענע נור ש־עקליכע לילית געקומען און האט אויף דיר א כשוף געווארפען. זי האט דיר איין אייזערנע קייט אויפ׳ן האלז געלעגט און שלאפענדיגער־הייט צו א פינסטערער בודע געשלעפט און געזאגט: זיי א הונד! און פערכשופט, האסט דו געענטפערט: איך בין

א הונד! און די צונג ארויסגעשטעלט און פליגען געחאפט אדער אין קלארע נעכט געגען דער לבנה געבילט...

נאר ווייל דו האסט קיין פרעמדע ליעדער געזונגען, האט אויף דיין נשמה דער כשוף קיין שליטה נישט געהאט. זי האט זיך גור איינגעקנוילט, איינגעשרומפען און ערגיץ טיעף, טיעף אין מח צי אין הארץ בעהאל־טען, זי זאל דיך מיט די הונטישע געראנקען נישט טרעפען, קיין פליגען נישט חאפען!...

ער עפענט נאך גרעסערע אויגען און איך זאג ווייטער:

הער, פון פליגען-חאפען לעבט מען נישט —

פרעמדע טעלער לעקען איז קיין כבוד נישט — —

א פינסטערע בודע איז קיין הויז נישט — און דו ביסט קיין הונד נישט! וועק דיך נור אויף, וועט זיך אויפוועקען דיין נשמה, זי וועט זיך פערשפרייטען אין דיין גאנצען גוף, און וועט פערטרייבען די הונטישע געדאנקען — און א מענש וועסט דו ווערען — —

ענטפערט ער מיר:

— דו וועסט מיך אבטריניג נישט מאכען, איך בין א הונד און בלייב געטריי!

און ער ווייזט מיר — די צייהנער!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

בארג אראב צו זיין ארימען ברידער אין טהאל לויפט גוטמאן, איך האב איהם קוים אין נאכט־שאטען דערקענט; ביי טאג האט ער מורא פאר׳ן ווייב. די ארורה איז א מיוחסת, איהם ליידט זי קוים, קוים; זיינע ארימע קרובים לאזט זי אפילו נישט דערמאנען. און אנ־געלאדען איז ער גוטמאן מיט פעקליך און שקארמוצען. א פעקילע צוקער, א ביסילע קאווע, איין אלטע פאר פלודערן, איין אויסגעבוי־געגער צילינדער — פון די קעשענעס שטארען נאך ארוים פלעשליך — א ביסיל מעדיצין, עס קען צו גוט׳ץ קומען, א ביסיל איינגעמאכט׳ס. עקסטרא פאר די קינדער — א ביסיל קאנדיל־צוקער..

אין דער ביזעם־קעשינע, בין איך זיכער, טראגט ער נאך עטליכע בילעטען אויף קוילען, עס געהט צו ווינטער. א האלב טוץ בילעטען אויף מיטאגען און ברויט אין דער ביליגער קיך... א גאנץ טוץ בי־לעטען פאר דער גאנצער משפחה אין בעדיל אריין! — נעביך — פערווארלעסיגט געווארען...

און א זיסער רחמנות שמייכעל בלאנדזעט איהם ארום די וואנ־סען; ווארפט אלע מאל א בליק אין הימעל אריין, גלייך ער נעמט די שטערן פאר עדות, אז ער טהוט, וואס ער קען — — —

- גוטמאן, — חאפ איך איהם אן ביי דער האנד — פאר וואס קען דיין ברודער זיך אליין נישט פערזארגען?

— מיין ברודער? פאר וואס? — שטאמעלט ער — פאר וואס?

— יא פאר וואס?

-- ווייל ער האט שוין יאהרענלאנג — ענטפערט גוטמאן — קיין פענסטער נישט געעפענט אין קיין פרישע לופט נישט איינגע־עטעמט... און ער וואהנט אין טהאל, אין נאסען פייכטען טהאל... אויפ׳ן בארג ארויף האט ער מורא, דער קאפ דרעהט זיך איהם, זאגט ער... און אין שטוב איז פול שפינוועבס — און עס פליהען ארום פלע־דערמייז, וואס רייסען זיך אין די האהר...

— ד׳וויים — ענטפער איך איהם — דיין ארימער ברודער איז קראנק אויף דער נשמה. אויפ׳ן בארג ארויף וויל ער נישט, צו פריי־שער לופט בענקט ער נישט.. דאס שפינוועבס, מיינט ער, איז פון דיקע שטריק און ער מיט זיינע שוואכע הענד וועט זיי נישט איבעררייסען... די פלעדער־מייז, מיינט ער, זענען ארלער, און ער ציטע־ט, זיי זאלען איהם נישט דעם מח שפאלטען און די געהירן פרעסען...

— ד׳וויים — זאג איך ווייטער — נאר דו ביסט דאך אויך אין שפינוועבס געבוירען, צווישען פלערער־מייז געוואקסען — ווער האט דיך פריי געמאכט?

— ווער? איך האב א ביסיל שכל געהאט..

— הער גוטמאן, אפשר וועסט דו געבען דיין ברודער נישט קיין צדקה, נאר שכל?

עס וועט דיר געזונטער זיין! צדקה מוז אנשיטען א נער־לעכערטען זאק... שכל-געבען, דעם אמת אויסזאגען, לערנען — איז אלישעים קרינגעלע בוימעל, מען גיסט און מען גיסט, און דאס קריגיל בוימעל בלייבט קרינגעלע בוימעל!... זאג איהם, ווי אזוי דו ביסט ארוים און פריי געווארען...

— ער וויל מיך נישט הערען... ער איז מיך, זאגט ער, מיט מיין ארורה נישט מקנא...

- און שוועבעליך — פרעג איך — האסט דו?

— נאך וואס?

— נעם — זאג איך — צינד אונטער די בודע... פערברען דיין ארימען ברודערס קריינק...

— פוי! אונטערצינדערס! — בייזערט זיך גוטמאן און לויפט אוועק.

זיין גוט הארץ דארף צדקה געבען, ער מוז האבען איין ארימען ברידער! א ניט, וואו וועט ער נעמען עולם־הבא?

און דער ארימער ברודער ווייסט נישט, אז זיין נשמה איז קראנק!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„איין שבת יודען זאלען האלטען, וואלט משיח געקומען!"

ווייטער א גמרא און ווייטער איין אמת!

איין שבת ווי עס דארף צו זיין, איין אמת׳ע נשמה יתרה!

א נשמה יתרה, וואס זאל פיהלען, וואס זאל וויסען, ווי יענע די טאגטעגליכע, די וואכענדיגע איז קראנק!

וואו נעמט מען זי?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אלהי.

עד שלא נוצרתי אינני כדאי

ועכשיו שנוצרתי

כאלו לא נוצרתי — — — — —

ווארים באמת, וואס איז א ביהן?

---

## עמיל זאלא.

קיין קריסטליכער שרייבער איז ניט אזוי בעקאנט ביי יודען, ווי דער איצט פערשטארבענער עמיל זאלא. דער טויט פון דעם מענשען, וואס פלעגט גור דערמאנט ווערען ביי אונז מיט ליעבשאפט און דאנק, וועט איצט ניט אין איין ארט ארויסרופען א טיעפען וועהטאג. זיין פלוצים־דיגער און אומגעריכטער טויט האט אלעמען ווי א ריס געגעבען אין הארצען, עס איז שווער זיך אויף אייביג צו געזעגענען מיט דעם מענשען, וועלכען מיר האבען נאך געזעהן אין מיטען בליהען און וועלכער איז נאך מיט דער פען אין דער האנד געשטאנען אין מיטען מלחמה פאר׳ן אמת. יא, פאר׳ן אמת. דען דער אמת איז תמיד געוועזן דער

ליכטשטערן, צו וועלכען עס האט זיך געריסען זאלא'ס נשמה. 40 יאהר האט זאלא געהערשט איבער די גייסטער פון פראנקרייך, און די גאנצע צייט האט ער מלחמה געהאלטען מיט די ליגענס און פאלשקייטען אין דער ליטעראטור און אין לעבען. ער איז געווען א מענש, וואס האט פיינד געהאט יעדע פשרה. דעם אמת האט ער תמיד געוואלט האבען אין גאנצען, קלאר און שארף. ביי דער מלחמה פאר'ן אמת פלעגט ער קיינמאל ניט בלייבען שטעהן אין מיטען. ער איז נאך קיין 25 יאהר ניט אלט געווען, ווי ער האט אנגעהויבען זיינע ערשטע ליטערארישע ארבייטען מיט דונערן און בליצען. ער האט געשטורעמט דעם ליטערארישען אויבען אן, דעם מזרח, וואו עס האבען זיך אויסגעזעצט צופרידען די אלטע שרייבער, וועלכע האבען געלעבט אין א וועלט פון חלומות און האבען זיס געדרעמעלט, זיצענדיג אויף זייערע טראהנען. זאלא איז ארויס מיט א בוך, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען: „אליץ וואס איך האס“. און דא איז ער אנגעפאלען אויף די געליעבטע אבגעטער אין דער ליטעראטור און אין דער קונסט, וועלכע האבען אויפגעהערט צו זעהן דאס אמת'ע לעבען און וועלכע האבען אויף אליץ געקוקט דורך די געפארבענע גלעזער פון זייערע אלטע ברילען. זאלא האט פיינד געהאט מיט זיין גאנצען הארצען אליץ, וואס ער האט געהאלטען פאר ניט גוט אדער פאר פאלש. זאלא האט אבער געקוקט אויף שנאה ווי אויף א קראפט, וואס ברייננט צו נוטען. „שנאה, זאגט זאלא, איז גוט. שנאה מאכט גרינג דאס הארץ, שנאה רופט ארויס גערעכטיגקייט, שנאה מאכט אונז הויך“.

זאלא איז געווען א מענש, וואס איז ניט געגאנגען בלינדערהייט אין די ברייטע אויסגעטרעטענע וועגען. ער איז געווען א מענש מיט א אייגענעם קאפ און האט זיך גוט און טיעף צוגעקוקט צום לעבען. ער האט זיך קיין מאל ניט גערעכענט מיט דעם, וואס אנדערע האלטען פון זיין ארבייט, וואס אנדערע ליעבען אדער האסען. ער האט געהאט דעם מוטה צו ליעבען דאס, וואס איהם אליין געפעלט, און צו האסען, וואס ער אליין האט געהאלטען פאר שלעכט. ניט איין מאל האט זיך דעריבער געטראפען, אז די געפיהלען פון זאלא זענען געשטאנען נעגען די געפיהלען פון דעם פאלק, פאר וועלכען ער האט געארבעט. און דערפאר אויך האט זאלא שטענדיג געהאט שטארקע, פערביסענע שונאים.

זאלא ן איז ניט בעשערט געווען קיין רוהיגעס לעבען. אבער א רוהיגעס לעבען האט ער גאר ניט געוואלט. ער איז געווען א איש־מלחמה, נור אין דער מלחמה האט ער זיך געפיהלט גוט און מונטער. יעדע מלחמה האט איהם פון דאס ניי אויפגעמונטערט און איהם גענעבען נייע כחות. אין די מלחמות האט ער זיך זיין כבוד און זיין נאמען געשאפען.

זאלא איז געבארען געווארען אין 1840־סטען יאהר. זיין פאטער איז געווען אן'איטאליענער, און ניט איין מאל האט מען דערפאר פארגווארפען זאלא'ן אין פראנקרייך, אז ער איז קיין פראנצויז ניט, חאטש ער האט זיין גאנצעס לעבען טריי געדיענט פראנקרייך און פון קיין אנדער פאטערלאנד ניט געקאנט וויסען. זיין פאטער איז געווען א בעקאנטער אינזשענער. ער איז געווען איינער פון די אינזשענערן, וועלכע האבען געבויט די ערשטע אייזענבאהן אין עסטרייך. ער האט געבויט א קאנאל אין דרום פראנקרייך און א וואסערלייטונג אין דער שטאדט ע. זאלא'ס פאטער האט קיין פערמעגען ניט איבערגעלאזען, און דער קליינער פעריתום'טער עמיל האט ניט געהאט פון קיינעם קיין הילף. ער האט זיך אליין מיט זיינע אייגענע כחות גערפט דורכשלאגען א וועג אין לעבען. זיין מוטער האט געלעבט אין גרויס דחקות, און עמיל האט צוליעב דעם געמוזט ארויסט־עטען פון לעצטען קלאס גימנאזיום. עמיל איז מיט זיין מוטער דערנאך איבערגעפאהרען קיין פאריז, אבער דארט האט ער גאך לאנג געלעבט אין גרויס עלענד און נויט. אין 1861־סטען יאהר איז עמיל געווען אזוי ארים, אז ער האט גענומען פונאנדערטראגען וויזיטענקארטען, פאר וואס מען האט איהם געצאהלט 20 פ־אנק א חודש. אנדערש איז געווארען זיין לאגע ערשט פון יענער צייט, ווען ער איז געווארען א פריקאשטשיק אין א בוכהאנדלונג מיט דעם געהאלט פון 100 פראנק מאנאטליך.

זאלא האט פריה אנגעהויבען צו שרייבען. זיין דיענען אין א גרויסער בוכהאנדלונג האט איהם בעקאנט געמאכט מיט ליטעראטען, און ער איז גיך אריין אין די ליטערארישע וועלט. ער האט געשריבען שירים, ערצעהלונגען און דערנאך האט ער אנגעהויבען צו שרייבען ראמאנען. זאלא האט אנגעהויבען צו אינטערעסירען דעם עולם מיט זיין טאלענט, און נאך איינינע יאהר ארבייט אין זשורנאלען און אין צייטונגען האט זיך געפונען א פערלעגער, וועלכער האט אנגעהויבען ארויסצונעבען זיינע ווערק. זאלא איז געוואקסען אין דער ליטעראטור. זיין פערלענער האט איהם אנגעהויבען צו צאהלען א פירסטליכען געהאלט. זאלאס ווערק פלעגען גלייך איבערגעזעצט ווערען אין אלע שפראכען און אין הונדערטער טויזענדער עקזעמפלארען פלעגען זיי זיך פונאנדערגעהען אין דער גאנצער וועלט.

ביי דעם גרויסען אינטערעס, וואס זיינע ווערק פלעגען אומעטום ארויסרופען, און ביי די פיעל פריינד, וואס זיינע ווערק האבען איהם אומעטום ערווארבען, האט זאלא אויך תמיד געהאט פיעל ליטערארישע שונאים. אויף זאלאס ווערק פלעגט מען אנפאלען, אז זיי זענען שעדליך, אז זיי פערניפטען דאס פאלק, אז זיי זענען אונמאראליש.

זאלא איז ארויס מיט א נייער שטה. ער האט ניט געוואלט אין זיינע ראמאנען פער־פיינערן און פערפוצען דאס לעבען. ער האט געשילדערט דאס לעבען אזוי ווי עס איז, מיט אלע זיינע שרעקליכסטע פארבען. זאלא האט זיך ניט אבגעשראקען פאר די פינסטערסטע זייטען אין לעבען. אליץ האט ער מיט זיין גרויסען טאלאנט געשילדערט פאר דעם לעזער. די מאוס'עסטע און נידריגסטע תאוות האט ער געשילדערט מיט דערזעלבער לעבעדינקייט, ווי די הויכע און איידעלע מענשל'כע געפיהלען „איך וויל ניט זיין קיין דרשן פון מוסר, האט זאלא געזאגט, איך וויל נור ווייזען דאס, וואס עס איז“. זאלא האט פון אליץ אבגעריסען דעם שלייער. ער האט פאר אלעמען אפען ארויסגעשטעלט דעם שמוטץ און נידרינקייט פון לעבען, ער האט געוויזען, וויפיעל ווילדקייט שטעקט נאך אין דעם היינטיגען געבילדעטען מענשען, וויפיעל חיה איז נאך דא אין איהם. זאלא האט ניט געוואלט געהערען צו יענע שרייבער, וואס טראכטען אוים מעשיות און מענשען, וועלכע זענען אין לעבען גאר קיין מאל ניטא. ער האט אונז געוואלט געבען אמת'ע בילדער פון לעבען, אמת'ע מענשען ווי זיי זענען אומעטום ארום אונז. זאלא וויל, אז דער ראמאניסט זאל בעהאנדלען די מענשען ווי א נאטורפארשער, דער נאטורפארשער קוקט זיך נור צו צו דער נאטור און בעשרייבט זי. ער בעשרייבט דאס שענע און דאס מאוסע גליך. דער נאטורפארשער דארף זיך ניט שטעלען די פראגע, צי דאס אין דער נאטור געפעלט איהם אדער ניט. ער סטארעט זיך נור צו בעשרייבען און צו דערקלערען. דערקלערען

הייסט: געפינען די סיבה, דורך וועלכע דאס אדער יענץ איז ארויסגערופען געווארען.

דעמזעלבען נאנג פיהרט זאלא אין זיינע ראמאנען. זאלא זאגט אין ערגיץ קיין מוסר ניט. ער טייטעלט קיין מאל ניט מיט דעם פינגער, אז דאס איז גוט און יענץ איז שלעכט. דאס גוטע און דאס שלעכטע ווערען ביי איהם געשילדערט מיט דערזעלבער רוהיגקייט. זאלען דאס גוטע און דאס שלעכטע, זאגט ער, רעדען אליין פאר זיך. דאס גוטע זאגט ער, וועט אליין צוציהען צו זיך און דאס שלעכטע וועט אליין אבשטויסען.

זאלא וויל אויך אין זיינע ראמאנען ערקלערען די טבע פון זיינע העלדען, און די ערקלערונג געפינט ער אין דער סביבה און אין דער טבע פון די עלטערן, וועלכע גיבען איבער זייערע מעלות און חסרונות בירושה זייערע קינדער. דער מענש אליין איז ניט שולדיג, ווען ער איז שלעכט, דער מענש קען אנדערש ניט זיין, ווי ער איז. דאס גוטע און דאס שלעכטע ירש'עט דער מענש פון די פריהערדיגע דורות. כדי אויפצו־ווייזען, ווי די מדות פון די עלטערע דורות געהען איבער צו די קינדער, האט זאלא זיך אונטערגענומען צו שרייבען א גאנצע צייהל ראמאנען פון דער פאמיליע רוגאנען. 20 גרויסע ראמאנען זענען געווען די פרוכט פון זיין פלייסיגער ארבייט, אויף וועלכע ער האט אבגעגעבען 24 יאהר פון זיין לעבען (פון 1869 ביז 1893).

אין די ראמאנען, וואס זענען געווען פערבונדען מיט דער פאמיליע רוגאנען, ווי אויך אין זיינע אנדערע ראמאנען, איז ניט געווען קיין איינציגע פראגע, וואס האט נור אינטערעסירט פראנקרייך, וועלכע ער זאל ניט האבען אין זיי בעהאנדעלט. אין זיינע ראמאנען ווערען בעארבעט רעליגיעזע, ווירטשאפטליכע און וויסענשאפטליכע פראגען. אין זיינע ראמאנען געפינט מען שילדערונגען פון אלע זייטען פון פראנצויזישען לעבען. דא שילדערט ער אונז דאס לעבען אין די הויכע הייזער, דא לאזט ער זיך אראב אין די פינסטערע קוילען־גרובען; דא שילדערט ער אונז די תאוה צו הערשאפט, און דא די תאוה צו געלד. זיינע ראמאנען האט זאלא אליין אנגערופען „דאקומענטען פון מענשליכען לעבען", און זיי זענען טאקי געווען ריכטיגע, קינסטלערישע דאקומענטען, וועלכע וועלען איבערבלייבען אויף דורות.

ווי פאלש איז אבער געווען די מיינונג פון זאלא'ס שונאים, וועלכע האבען געהאלטען אין איין שרייען, אז זאלא בעשרייבט נור די שמוציגסטע זאכען, זעהען מיר ארויס פון אנדערע זיינע ווערק, וואו ער שילדערט די מלחמה פאר וויסענשאפט, די ריינע ליבע און די ערליכע ארבייט. מיט זיינע ווערק האט זאלא געוואלט ווייזען פראנקרייך, ווי טיעף זי איז געפאלען בנוגע צו מוסר, און ער האט אויך געוויזען דעם וועג, אין וועלכען זי קען געפינען פאר זיך אן־אויסהיילונג פון איהרע קראנקהייטען. דאס איז א געזונטעס און ריינעס פאמיליענלעבען, אמת און עהרליכע ארבייט.

ווי גרויס און הויך זאלא איז געווען אלס מענש, ווי טהייער און הייליג ער האט געהאלטען דעם אמת, האבען מיר געקאנט זעהן פון זיין מלחמה פאר דרייפוס'ן.

אלע געדענקען נאך די גרויסע התפעלות, וואס זאלא האט ארויסגערופען מיט זיין אפענעם און מוטהיגען ארויסטרעטען פאר דעם אומגליקליכען קאפיטאן.

זיין בריעף: „איך קלאג אייך אן" לעבט נאך ביי פיעלען אין זכרון. קיינער האט זיך ניט געקאנט אבחדוש'ען פון דער גרויסקייט, וועלכע זאלא האט דערמיט ארויסגעוויזען. „איך קלאג אייך אן, האט געשריבען זאלא, אייך, ריכטער, וואס איהר פערקרימט דעם משפט, און אייך, פאליטיקער וואס איהר פערשווייגט דעם אמת. איך קלאג אן די רעגירונג, וואס מאכט צו איהרע אויגען און וויל דערשטיקען די גערעכטיגקייט". ער קלאגט אן אין זיין בריעף די גענעראלען, וואס האבען פערמשפט דרייפוס'ן, האטש זיי האבען געוואוסט, אז ער איז ריין, און וואס האבען פריי געמאכט עסטערהאזי'ן, האטש זיי האבען געוואוסט, אז ער איז שולדיג. אין זיין בריעף ווענדעט ער זיך צו דעם דאמאלדיגען פרעזידענטען פעליקס פאר און טרעט ארויס מיט די שארפסטע ווערטער געגען די גענעראלען מערסיע און בואדעפר, און געגען דעם קריעגסמיניסטער בילא.

די לעזער דערמאנען זיך געוויס אין דעם גרויסען שטורם, וואס דער דאזיגער בריעף האט ארויסגערופען אין דער גאנצער וועלט און דערהויפט אין פראנקרייך. דער היל איז אין ערגיץ אין דער וועלט ניט אזוי געליעבט, ווי אין פראנקרייך. דער היל איז אין פראנקרייך דער טרייסט און די האפנונג. און דא איז געקומען איינער, וואס האט די העזה צו בעשולדיגען די גענעראלען, אז זיי בענעהען פאלשקייטען און פערקרימען דעם משפט. די גאנצע פראנצויזישע ארמעע האט זיך געפיהלט טיעף בעליידיגט פון זאלא'ס בריעף. אין א גרויסען טהייל פון פאלק האט מען אויף דעם בריעף געקוקט ווי אויף א אונגעוועהנליכע הוצפה. זאלא'ס בריעף האבען די סטודענטען עפענטליך פערברענט אין פאריז. אין די גאסען פון פאריז האט מען געשריען: „שפייט אויף זאלא'ן!" זאלא'ס לעבען איז געווען אין סכנה. גאנץ פראנקרייך חאט זיך צוטהיילט אין צוויי מחנות: דער גרעסערער טהייל, האט געבריענט פון כעס געגען זאלא'ן, און א קליינער טהייל פון עהרליכע און איידעלע מענשען זענען ארויס צוזאמען מיט זאלא'ן און האבען געשטריטען פאר'ן אמת. זאלא האט געוואלט מיט זיין בריעף ארויסרופען א פראצעס געגען זיך, כדי ער זאל דערמיט קריגען די מעגליכקייט ארויסצו־ווייזען פאר דער וועלט די פאלשקייטען, וואס זענען געמאכט געווארען אין דרייפוסעס משפט. דאס איז איהם אויך געלונגען. די רעגירונג האט געמוזט נאכגעבען און האט אין רען בעשטימט די רעוויזיע פון דרייפוסעס משפט.

וואס ווייטער איז געווען, איז אלעמען בעקאנט. די מלחמה, וואס האט צורודערט גאנץ פראנקרייך, האט ארויסגעוויזען, וואס פאר א פינסטערע קרעפטען עס לויערן אויף די רעפובליק. די מלחמה האט ארויסגעוויזען, אז די רעפובליק האט פיעל שונאים, אז עס איז דא א פארטיי, וואס וויל מבטל זיין די איצטיגע רעפובליק, אז די גלחים האלטען אין זייערע הענד די ערציהונג פון יונגען דור און ערציהען איהם אין שנאה צו דער איצטיגער מלוכה, אז אין היל זענען פארהאן מענשען, וואס ווארטען נור אויף די געלעגענהייט, כדי ארויסצורופען א בונט געגען די רעפובליקאנער אידנונג.

זאלא'ס ארויסטרעטען פאר דרייפוסען האט דערמיט געקראגען א גרויסע פאליטישע בעדייטונג. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די יסודות, וועלכע פראנקרייך האט ערווארבען אין יאהרען פון ארבייט, זענען אין א סכנה. דער משפט פון דרייפוסען האט דערמונטערט אלע בעסערע קרעפטען פון פראנצויזישען פאלק, וועלכע האבען זיך פעראייניגט צוזאמען, כדי זיכער צו שטעלען די איצטיגע רעפובליקאנישע אידנונג. דער פריהערדינער מיניסטער־פרעזידענט וואלדעק־רוסא האט דריטהאלבען יאהר ענערגיש געארבעט און מלחמה געהאלטען מיט די שונאים פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. די מלחמה איז נאך ניט געענדיגט, און דער

איצטיגער מיניסטער קאמב האלט נאך אין מיטען מלחמה מיט די גלחים און זייערע חברות.



עמיל זאלא.

זאלא'ס בריעף „איך קלאג איך אן" געהערט צו די שענסטע ארבייטען פון זאלא'ס לעבען. אזוי גרויס און אזוי הויך, ווי זאלא איז ארויסגעטרעטען אין זיין בריעף, קען נור א גרויסער און א שטאלצער גייסט, מיט וועלכען פראנקרייך וועט זיך תמיד קענען בעריהמען.

י. ל.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפטים.

— אין דער „קיעוו. גאזעטא" איז געדרוקט פאלגענדער פאליציי-בעפעהל: וייל עס האט זיך געענדיגט דער זומער-סעזאן, און אין איניגע גערטנער און טהעאטערן האט מען אויפגעהערט צו שפיעלען, דערום האט דער פאליציימייסטער בעפוילען אלע פריסטאווען, דאס זיי זאלען אכטונג געבען, אז יודען מוזיקאנטען און אקטיארען, וועלכע איז ערלויבט געווארען צו זיין זומערצייט אין קיעוו, זאלען תיכף ארויספאהרען. אויסער דעם זאלען זיי אכטונג געבען, אז עס זאלען בלייבען וואהנען אין קיעוו נור אזעלכע יודישע אקטיארען און מוזיקאנטען, וועלכע בעקומען דערויף ערלויבניש, און אז זיי זאלען וואהנען נור אין לעבעדער און פלאסקער שטאדטטהיילען.

— אלס תשובה אויף דעם אמעריקאנישען און ענגלישען צירקולאר האט די רומענישע רעגירונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל נישט יודען געבען קיין אויסלענדישע פעסער, כדי זיי זאלען מוזען בלייבען אין רומעניען. דערמיט מיינט די רומענישע רעגירונג צו פערענטפערען די יודישע פראגע. „זאלען זיי זיצען אין דער היים און נישט ריהרען זיך פון ארט, וועט ממילא ווערען שטיל".

ווי עס זעהט אויס, האבען די אייראפעאישע מלוכות נישט קיין חשק אנצונעהמען זיך פאר יודען; יעדער פון זיי פיהלט ביי זיך, אז וואס עס אנבעלאנגט יודען, איז אויף זיי אויך דא צו פרעגען שאלות און דערום איז גלייכער אנדערע צו לאזען אין רוה. דער „פאליטישער קארעספאנדענץ" שרייבט מען וועגען דעם אויס, לאנדאן: מען הערט דערווייל נישט, אז אויסער ענגלאנד זאל ווער פון די אייראפעאישע מלוכות ענטפערען אויף דעם אמעריקאנישען בריעף. עס איז מעגליך און גאר וואהרשיינליך, אז די מלוכות וועלען אין זייערע תשובות נישט בעריהרען די שאלה אליין און נור בעשטעטיגען, אז זיי האבען ריכטיג מקבל געווען די צירקולארען. אין איניגע ערטער האט דאס אריינמישען פון אמעריקא געמאכט נישט קיין גוטען איינדרוק, ווייל דער ענין איז נוגע אייראפא אליין, און אמעריקא וויל אויך נישט, אז אייראפא זאל זיך אריינמישען אין איהרע ענינים. דערום גלויבט מען נישט אין ענגלאנד, אז אייראפא צוזאמען זאל עטוואס אינטערנעהמען, כדי צו פערבעסערען די לאגע פון די רומענישע יודען.

*

## בילדונג.

— אין קיעווער אוניווערזיטעט האט מען אריינגענומען דאס יאהר 421 מאן און פון זיי 23 יודען, ד. ה. 7% פון דער געזאמטצאהל, די אויסרעכנונג פון פראצענט איז געווען נאך דער צאהל סטודענטען אין אלע פאקולטעטען צוזאמען און נישט אין יעדער בעזונדער. פון יודען האט מען צוגענומען נור אזעלכע, וואס האבען געענדיגט דאס גימנאזיום מיט א גאלדענעם מעדאל. יודען אפילו מיט זילבערנע מעדאלען האט מען נישט צוגענומען אין אוניווערזיטעט.

*

## יודישע קהלות.

— דער „יוזשני קראי" איז מודיע, אז די לעצטע צייט איז אין סימפעראפאל פיעל מאל פארגעקומען, דאס יודען האבען געטויפט זייערע קינדער, און אליין געבליבען יודען אדער זיך אליין אויך געטויפט. איצט האט דער ערצבישאף ניקאלאי איינגעזעהען, אז די יודען טויפען זייערע קינדער צוליעב דעם, זיי זאלען קענען איינטרעטען אין די שולען, און דערום האט ער איין יוד אבגעזאגט צו טויפען זיינ'ס א קינד.

— אין לאנדאן איז געוועהלט געווארען אלס לארד-מער (ראש-העיר) אויף דאס קומענדיגע יאהר סער מארקוס סאמועל, א יוד. ער איז שוין דער זעקסטער יודישער לארד-מער אין לאנדאן.

— אין פאזען איז געוועהלט פאר א בירגערמייסטער דר. לעווינסקי.

*

## ציוניסטישע נייעס.

— דער יפו'ער קארעספאנדענט פון „דער וועלט" שרייבט: די לאגע אין ארץ-ישראל פערערגערט זיך אלעמאל מעהר. די סבה דערפון איז נישט דער קלימאט אדער דאס נישטגרעטעניש, פערקעהרט, דאס גרעטעניש איז דאס לעצטע יאהר געווען אזוי גוט, אז די קאלאניסטען האבען זיך נישט געדארפט בעסער ווינשען. דאס אומגליק איז נור אין דעם, וואס די חברה יק"א האט ערנידריגט דעם פרייז אויף וויינטרויבען מיט 5 פראנק אויפ'ן קאנטאר. פאריגעס יאהר האט מען געצאהלט 20 פר' און היינטיגס יאהר נישט מעהר ווי 15 פר' פער קאנטאר (300 קילא=750 פונט).

באמת איז, לויט דער מיינונג פון קארעספאנדענט, דער ווערט פון די וויינטרויבען פיעל גרעסער; די דייטשע קאלאניע „שרונה" האט געבאטען 24 פ' אנק פאר א קאנטאר און איניגע קאלאניסטען פון „רחובות" און „פתח תקוה" האבען זיי פערקויפט זייערע וויינטרויבען.

די קאלאניסטען זענען זיך מיאש פון אלעם און אויף יעדען דאמפפ-שיף, וועלכער געהט ארויס פון יפו. פאהרען אוועק פיעל יודען קאלאניסטען קיין אפריקא, אויסטראליע, אמעריקא און שפאניען.

דער שפאנישער קאנזול האט אין נאמען פון זיין רעגירונג מודיע געווען, אז יעדער יוד, וועלכער וויל פאהרען קיין שפאניען, וועט בעקומען אויף רייזעקאסטען. 100 יודישע פאמיליען, 75 אויס ירושלים און די איבעריגע אויס יפו, ווילען זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און פאהרען קיין שפאניען, די רייזע פון די דאזיגע הונדערט פאמיליען, וועלכע ווילען אויסבייטען ארץ-ישראל אויף שפאניען מיט איהרע פאנאטישע איינוואהנער און יעזואיטען—די אייניקליך פון די אמאליגע אינקוויזיטארען — מאכט אויף יעדען זעהר א שלעכטען איינדרוק.

— ה' ס. שטערן דער פרעזעס פון דער ציוניסטישער צענטראלע אין קאפטאון (דרום-אפריקא) איז מודיע „דער וועלט":

נאך די קריעגסגעזעצען, וועלכע זענען דא איינגעפיהרט געווארען, טאר קיינער נישט קומען קיין טראנסוואל אדער אראניען און אויך ארויספאהרען פון דיביידע לענדער אהן א פאס. כדי צו בעקומען אזא פאס, דארף זיך יעדער ווענדען צו זיין קאנזולאט, וועלכער גיט ארויס א פאס, נאכדעם ווי ער מאכט א חקירה ודרישה וועגען דער פערזאן. איצט האט דער גענעראלגובערנאטאר לארד אלפרעד מילנער אנגעטרויעט דעם ציוניסטישען צענטראל קאמיטעט ארויסצוגעבען אזעלכע פעסער דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין דרום-אפריקא, דערמיט ווערט דער ציוניסטישער קאמיטעט גלייך געשטעלט מיט די קאנזולאטען. יעדער יוד, וועלכער וויל איצט פאהרען אדער ארויספאהרען פון די דערמאהנטע געגענדען, דארף דערלאנגען זיין ביטע דעם פרעזידענט פון דער דרום-אפריקאנישער ציוניסטישער פעראייניגונג (Federation), ה' א. גאלדרייך אין יאהאנעסבורג.

*

## עמיל זאלא'ס טויט.

— דעם 29-סטען נאוועמבער איז געשטארבען אין פאריז פון פערטשארען זיך עמיל זאלא.

פון א קליינער סבה, פון—פערדארבענעם אויווען, איז געשטארבען דער גרויסער מענש און שריפטשטעלער, וואס די גאנצע געבילדעטע וועלט בעקלאגט זיין טויט.

לעמבערגער

# „יודישער פאלקסקאלענדער“

אכטער יאהרגאנג

## לוח לשנת תרס"ג.

הערויסגעגעבען פון דיא גאליצישע ציוניסטען אונטער דער רעדאקציאן
פון גרשם באדער

ענטהאלט, חוץ דעם לוח און א גרויסען אינפארמאטיווען טהייל, פאל-
גענדע ליטערארישע ארבייטען:

א) ג. באדער: יודיש-נאציאנאל אדער ציוניסטיש?
ב) מענדעלי מוכר ספרים: א פריה-מארגען אין גלופסק.
ג) ל. יפה: בר-כוכבא (געדיכט).
ד) יחזקאל ווארטסמאן: אונזער נאציאנאל-פאנד.
ה) ג. ב.: קין און הבל (א מעשה'לי).
ו) שלמה שיללער: „אחד-העם“ אלס ציוניסט. (מיט דער פאטאגראפיע).
ז) מ. ווירטה: ווינען זאל מיין ליעד?... (געדיכט).
ח) דר. ח. ד. הורוויץ: דער טרעגער (א בילד).
ט) ג. ב.: „מתנים“ (א ביסיל אמת איבער דער גאליצישער קאלאניע).
י) נ. סאמועלי: די וועלט-בריל (ערצעהלונג).
יא) ל. יפה: ישועות אויף יודען (געדיכט).
יב) ג. ב.: אין דער תיבה (א מעשה'לי).
יג) ל. פרץ: ער און זי.
יד) מ. ווירטה: דער „יצר הרע“ אין דער יודישער גאס.
טו) ג. ב.: טויטע קינדער טאנצען (א חלום).

דער קאלענדער איז א ליטערארישע פאלקסבוך, וואס בעדארף נישט צו פעהלען אין קיין שום ציוניסטיש הויז.

פרייז: 70 העללער; 70 פפעניג; 30 קאפ'.

אדרעסע צום רעדאקטער:

**GUSTAV BADER LEMBERG, Sonnengasse 27.**

אין רוסלאנד איז דער קאלענדער צו בעקומען נור ביי:

Verlag „ACHIASAF“ Warschau.






## הויז דרוקערייא



יעדערמאן איזט אים שטאנדע מיט מיינער טיפען-דרוקערייא גארניטורען וועלכע זינד פארהאנדען אין רוססישע, פראנצעזישע אונד העברייאישע בוכשטאבען, זעלבסט דרוקען אללעס וואס ער האבען וויל:

| | | | |
|---|---|---|---|
| גארניטור נר' 0 מיט 90 טיפען 1. ר"ז | „ 1 „ 160 „ 2. „ | „ 2 „ 290 „ 3.50 „ | |
| גארניטור נר' 3 מיט 480 טיפען 4.75 ר"ז | „ „ 4 „ 700 „ 6.00 „ | „ „ 4a „ 1000 „ 10.— „ | |

צו בעציעהען אויס דיא שטעמפעל אונד טיפען-פאבריקען

**J. LEWINSON** — Wien, I. Adlergasse 12.

**И. А. ЛЕВИНСОНЪ** — **Одесса,** Канатная 12.

פרייזקוראנטע ווערדען פערזענדעט נאך ערהאלט איינער פאסטמארקע 7 קאפ'.

אגענטען ווערדען איבעראל געזוכט.



יצא לאור ונמצא לממכר:

# האשכול

מאסף ספרותי ומדעי

## כרך רביעי

נערך ויו"ל ע"י

### דר. עזריאל גינציג.

עם מאמרים ספורים ושירים מאת המו"ל, דר. רובין, דר. בערנפלד, בריינין, טשרניחובסקי, דר. ברדיטצבסקי, בראנדשטעטער, לובצקי, ש. ל. נרדין, שלמה בובער, ש. מ. לזר, ש. ל. ציטראן, ש. א. הארארעצקי, מיכל וועבער, ועוד ועוד.

612 מחירו עם פארטא 130 ר' לפנות אל:

Издательство »Ахіасафъ«, Варшава.



# להותמי „האוצר“

הננו מודיעים, כי ההפסק בהוצאת „ה א ו צ ר“ היה, מפני שהכ"י לא היה מוכשר ומסודר לרפוס כל צרכו, ועתה נגשנו להדפסת הספר ואחרי צאת לאור חוברות כ"ד בעוד זמן קצר, תצאנה יתר ההוברות בלי מעצור והחותמים יקבלו אותן בעתן.



בהנחה הגונה — מספר מסוים

# הדור

## שנה אחת

קומפלטים שלמים ומכורכים הדר

נמצאים למכירה

במחיר 3.80 עם המשלוח



# שנוי מקום!

איך האב איבערגעטראגען מיין בוכהאנדלונג פון רימארסקא 3 אויף

## זלאטא-שטראססע 63

642 און מיינע אדרעססע איז:

Книжный магазинъ Б. Шейнфинкеля

Варшава, Золотая 63.

Buchhandlung B. S. Scheinfinkel Warschau, Złotastr. 63.



## שפיגעל-פאבריק

### ל. אידעלזאק, ווארשא

ביעליאנסקא נר' 1

עמפפעהלט זיין גראססעס לאגער פאן שפיגעל, שפיגעל-גלאס, טרוימאס אין דעטאיל אונד ענגרא. 466



## איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשוהלע נעבסט פענסיאנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאלטען גרינדליכע וויסענשאפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפערענצען ביי הערפארראגענדען מאננערן דעם אין-אונד-אויסלאנדעס, זאוויע ביי פריהערען שילערן, די זיך אין אנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך דירעקטאר ד"ר בארנאס.

נמצא בדפוס ובקרוב יצא לאור:

# אחיאסף

## מאסף ספרותי עם תמונות וציורים

ונלוה אליו לוח השנה, כרוניקה, ביבליוגרפיא וידיעות שמושיות

## לשנת תרס"ג

ערוך ע"י ר. בריינין.

**בשנה זו נמלאו עשר שנים למיום הוסד „אחיאסף" על כן הוציאה החברה לשנת תרס"ג לוח־יובל לזכרון.**

לוח־היובל גדול הוא בכמותו (שלא בערך לעומת תשעה הלוחות הראשונים), ועשיר בחלק הספרות היפה, במאמרים לשאלות הזמן, בתולדות וציורים ספרותים. כל החלקים האלה מעובדים ומבוררים בבחינת השפה והסגנון ובבחינת התוכן. הסופרים הכותבים לועזית ששלחו את מאמריהם להלוח נכתבו לשמו ולא הדפיסום בשפה שבה כתבום. — גם חלק הציורים והתמונות מצטיין בערכו: הצייר הגדול יוסף איזראעלס הקדיש ללוח פרי חרטו ואמנותו הגאונית, והצייר הנודע ליליען קשט את מעטפת הלוח בציורו.

בה"לוח" באו המאמרים האלה:

1) אחר עשר שנים, אחד העם.
2) רשימות וזכרונות (מן הקונגרס הראשון) א. לודוויפול.
3) עם דמדומי חמה, שיר, ח. נ. ביאַליק.
4) חמשה עשר באב בארץ ישראל, ספור, זאב יעב"ץ.
5) גלות שלמה, ציור היסטורי, דר. ש. ברנפלד.
6) ליל סתו, פ. היילפרין
7) התורה והעבודה, דר. ח ד. הורוויץ
8) כונות ויחודים, מעין שירים בפרוזה, הלל ציטלין.
9) אגדת האדמונים אגדת ויראַ, מענדעלי מו"ס.
10) שושני סתו, שיר, פיכמאן.
11) מחשבות והלומות, ציור, ר. בריינין
12) מהות היהדות, דר. י. טהאָן.
13) שק המלך, ספור, ר. א. ברוידעס.
14) לא באה, ציור, מ. וואולף.
15) רשימות קטועות, י. רדלר.
16) היהדות בתור דת ומדע, דר. ד. ניימרק.
17) לעת זקנה, תמונה, גנצר.
18) דור הולך, שיר, יהל"ל.
19) שאלת הגיתו, דר. מכס מאַנדעלשטאם
20) המשכיל מדור הישן, רשימה, א. רייזען.
21) רצפה בת איה, שיר, י. ל. ברוכוביץ.
22) מה יהיה? ציור, בן־אבי.
23) מלחמת שפתים, א. שולמאן.
24) בפעם הראשונה ציור מחיי החדר, דר. י. ש. רנצר.
25) גשי הלאה ולכי לך! שיר, נח פינס.
26) עלילות־דם, דר. מכס נארדוי.
27) נער־זקן, ציור. ד. י. זילבערבוש.
28) בחדר המשורר, שיר, מ. מ. הורוויץ.
29) הסנהדרין הגדולה, דר. אלפרד נאָססיג.
30) המפרש, ליוובניק.
31) השתחררות הרוח האנושי, דר. יוסף קלויזנר.
32) העם, דר. שמריהו הלוי.
33) התאומים, דר. מ. אייזענשטאַדט.
34) דפים בודדים מספר זכרונות, יוסף ליאָן.
35) אבות ההשכלה בליטא וגליציא, מ. ל. ליליענבלום.
36) בארץ המתים, א. יעקובוביץ.
37) לפנות בקר, שיר, ש. ל. גירדון.
38) שפת הגלות, מרדכי בן הלל הכהן.
39) שירת הרעם, ל. י. יפה.
40) מי ילך לפניני, מ. קלייגמאן.
41) חזות קשה, נחום סלושץ.
42) ציורים, מאת י. ל. פרץ.
43) הפרקציא העממית, ל. מוצקין.
44) מאיר הלוי לעטערס, תולדתו, גרשם באדער.
45) חיים שטינתל, דר. גוסטב קארפעלעס.
46) דר. יצחק רילף (תולדתו) ש. פ. ראבינאוויץ (שפ"ר).
47) אדולף לאנדוי (תולדתו) הנ"ל
48) מכתב מאלדד למידד, מידד.

מלבד עוד מאמרים נכבדים אחרים, כרוניקה עברית, הזכרות נשמות, ביבלוגרפיא ועוד.

נוסף ע"ז יבוא בהלוח

דין־וחשבון פרטי ע"ד הכנסיה הציונית במינסק. מאת משה קליינמאן.

ואלה הם הציורים והתמונות הנמצאים בלוח:

א) גיאורג בראַנדעס; ב) יוסף איזראעלס; ג) מ. אנטוקולסקי; ד) דר. יצחק רילף; ה) נחום סאקאלאוו; ו) דוד מנגן לפני שאול, ציור, מאת איזראעלס; ז) הזקנה והילדות, ציור מיוחד בשביל הלוח, מאת איזרא־עלס; ח) שפינוזא, מלאכת ידי אנטוקולסקי; ט) מפיסטופלס (השטן) מלאכת ידי אנטוקולסקי; י) **תמונת הכנסיה הציונית במינסק** (כל צירי האספה); יא) תמונת חברי ועד־הכנסיה במינסק.

הלוח נדפס בשנה זו על ניר מובחר וביופי והדר.

מחירו 1 רובל 50 קאפ׳, ועם פאָרטאָ 1 רובל 85 ק׳, מכורך הדר 1,90 רוב׳, ועם פאָרטאָ 2,25 רובל.

**כצאת הלוח לאור בעוד זמן קצר יעלה מחירו לשני רובעל לבד פארטא.**

הננו מעוררים את קוני הלוח התמידים, את המו"ס והסוכנים לשלוח אלינו פקודותיהם במוקדם האפשרי למען לא יאחרו מן המועד.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

VERLAG „ACHIASAF" WARSCHAU.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer in Krakau

איך בעעהרע מיך אנצוצייגען, אלס נייער אינהאבער פאן

# ווינער זאאל

אייזערנעס טהאָר 10. אדער פטאשיע 3.

דאסס דערזעלבע ערנייערט, עלעגאנט אויפגעפוצט אונד מיט נייעסטען האכצייטסאיינריכטונגען פערזעהען, וויבער, קאמפארטאבעל אונד אין בעסטע ארדנונג געבראכט ווארדען, זא דאסס איך דיא מאָגליכקייט האבע אללער ארט פארדערונגען פינקטליך אונד זארגפאָלטיג אויסצופיהרען. איך מאכע נאך אויפמערקזאם דאס געעהרטע פובליקום אויף דיא גראססע געראומינקייט דעס זאאלס אונד דיא אויסגעצייכנעטע פאזיציאן דעס לאקאלס אין שטאדטצענטרום וועגען דעם נייען ברוקפפלאסטער. דיא אללע גענאננטע פעראָנדערונגען אויך דיא מאָססיגען פרייזען לאססען מיר האָפפען, דאסז מיינע אינטערעססאנטען פאָלשטאָנדיג צופריעדען זיין ווערדען. צו אינפארמאציאנסמיטטיילונגען שטעטס בערייט עמפפעהלע איך מיך אכטונגספאלל ב. גלוסקי.

אדרעססע: Warszawa, Sala Wiedeńska, Ptasia Nr. 3.

# נייעס פיר טאבאקהענדלער!

וויר טהיילען דען געעהרטען טאבאקסהענדלערען מיט, דאס וויר האבען געעפנעט און ווילנא איינע טאבאק־פאבריק פאן אללען סאָרטען מאכאָרקע אונטער דער פירמא:

Товарищество М. и Я. Шептовицкій.

דער נאמען שעפטאוויטצקי איז שוין געוויס דיא בעסטע רעקאָמענדאציע פאר אונזערע פאבריק, און וויר גלויבען גאנץ בעשטימט, דאס יעדער טאבאקסהענדלער וואס ווירד נור זעהען דען נאָמען שעפטאוויטצקי, ווירד שוין איבערצייגט זיין וואָס פאר א גוטע סחורה דיא פאבריק ווירד ארויסגעבען. אויסער דער גוטען אויסארבייטונג פון דער סחורה טיילען וויר נאך מיט, דאס וויר האבען דיא פאבריק געגרינדעט מיט א גרויסען קאפיטאל, דאמיט וויר זאלען זיין אין שטאנד רעגעלמעסיג צו ארבייטען אונד עס זאל קיינע אבהאלטונג זיין אין דער ליעפערונג פון אונזערע סחורה.

דיא פערטרעטונג פיר גאנץ פוילען האבען וויר איבערגעגעבען דעם העררן

И. С. Бройда, Павья 10.

אין ווארשא, אונד וויר ביטטען, דאס מען זאל זיך מיט דען געעהרטען בעשטעללונגען ווענדען אן זיינע אדרעססע. דער העדר בראידא ווירד אללע בעשטעללונגען פינקטליך אונד צו דער בעסטען צופריעדענהייט פון דען קונדען אויספיהרען.

מיט האָכאכטונג

Тов. Я. и М. Шептовицкій.

מיט בעצוג אויף דיא אבען שטעהענדע אנאנסע ערלויבע איך מיר דיא העררען טאבאקסהענדלער צו ביטטען, מיך צו בעעהרען מיט איהרען בעשטעללונגען, אונד איך פערזיכערע אללעס מעגליכע צו טהון, אום דיא געעהרטען קונדען אויף דער בעסטען ארט צופריעדען צו שטעלען.

גלייכצייטיג טיילע איך מיט, דאסס איך האבע אויך דיא פערטרעטונגען פאן דען בעקאנטען טאבאקספאבריקען

Г. АШКИНАЗИ, Одесса.

Тов. Наслѣдн. Ш. В. ПОЛИШУКА, Житоміръ. אונד

דיא וואָרע פון דיזען אללען פאבריקען איז שטענדיג בייא מיר אויף׳ן לאגער, פאוויא 10 אין גראססער אויסוואהל צו בעקאממען.

מיט האָכאכטונג

И. С. Вройда, Варшава, Павья 10. 641

# ביכער צום לעזען

בעלעטרעסטישע און וויסענשאפטליכע אין פערשידענע שפראכען איז צו בעקומען אין דער נייעעפנעטער ביבליאָטהעק פון

ה. ווינער.

דזיקא נו׳ 26, וואָהנונג 13 פארטער

בעזונדערע אבטהיילונג פיר קינדער־ביכער. אבאנעמענטס־פרייזען זעהר מעסיג.

ФАБРИКА и СКЛАДЪ
Морскихъ Раковинъ
въ очищенномъ и шлифованномъ видѣ
Изготовленіе изъ бронзы и Раковинъ
Письменныя, галантерейныя туалетныя и роскошныя вещи. 579
А также отливаніе по моделямъ всѣхъ металловъ.
Адрес: В. А. ТРАЙНИНУ
Варшава, Налевки 35.

יעדער וועלכער וויל בעקומען פרישע שמאקהאפטע היימישע מיטאגען צו מעסיגע פרייזען קען עס בעקומען ביי

י. ה. פאזשעס, ווארשא

דזיקא 11, וו. 13 1־טער שטאק.
573

סטעמפעל גראוויר חתימות און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג פערפערטיגע




ВАРШАВА
Гусья 5.

איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

דאקטאר

אנטאן טוכענדלער

נימט אן מיט מאגען און דארם קראנקהייטען אין דער לעטשניצא מוראנאווסקא 29 פון 10 איהר פריה ביז 12½
פריוואט וואָהנונג כארשאלקאווסקא 95

## כרטיס הפאסט עם ציורים!

די דרוקעריי פון ג. פלאטעק, ווארשוי, דלוגא שטראסע נו׳ 19 עמפפיעהלט אין גאנץ גרויסען אויסוואהל אנזיכטס־קארטען (פאסט־קארטען) ווי: רוסישע און יודישע שרייבער, ארטיסטען, בעריהמטע מענער, לאנדשאפטען, בלומען, טהירע א. ז. וו. — צור פרייז פון 1 ר׳ ביז 10 ר׳ פער 100 שטיק. — פערזאנד אויף דער פראווינץ אויך פער נאכנאהמע.
630

*Писать СКОРО и КРАСИВО заочно въ 10 ур. за двѣ сем. к. мар. высыл. пр. пис. и усл. Одесса, проф. кал. Б. МИШНАЕВСКОМУ, д. Цайта.*

## מעבלירטע צימער.

בעעהרע מיך אנצוצייגען, דאס איך האב ערעפענט מעבלירטע צימער אויף נאלעווקי נו׳ 34 געריםים און בעקוועם איינגעריכטעט און ווערדע יעדען גאסט צופריעדען שטעלען ווי אם בעסטען
א. ב. זיידעס אויס סלוצק.

## מעשענע שטעמפעל

און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג, ביי

А. Мокъ, Варшава
544 Купеческая 12.

איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

## פריילינען און דאמען

ענ ען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין א קירצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.

## דר. מ. גאטטליעב

אָרדינאטאָר דער קייזערליכען אוניווערסיטעט־קליניק

ווארשא, קארמעליצקא 4. 471



Механическо-Токарное Заведеніе
АДОЛЬФА ШТЕЙНКЕ
Въ Варшавѣ. улица Лешно. № 18.
Имѣются балансѣровые прессы, штанцы и т. п. Принимаетъ также починки разнаго рода машинъ, а равно и предметовъ входящихъ въ составъ механики.
Цѣны умѣренныя.

# געזעלשאפט „כרמל“ ווארשא

אבטהיילונג אין אדעססא.

## נאטירליכער וויין און קאניאק פון די יודישע קאלאניעס

וועלכע ווערען אויסגעארבייט אין די וויינקעלערען פון

## באראן ראטהשילד אין ארץ ישראל



Марка утв. правительствомъ

אלע וויינען און קאניאקען פון „כרמל“ (אויסער ווערמוטה) זענען כשר אויף פסח און עס איז אבגעשיידט פון זיי תרומות און מעשרות כדין וכדת.

כדי צו בעווארענען כרמל-וויין און קאניאקען פון נאכגעפעלשטע, פערקויפען מיר אונזערע וויינען און קאניאקען נור אין פלעשער פערזיגעלט מיט אונזערע סטעמפעל און פערקניפט מיט דער פלאמבע פון „כרמל“.



Золот. медаль Парижъ 1900.

**Russie.**
Varsovie: Société „Carmel“ rue Nalewki.
Odessa: Société „Carmel“ Rue Richelieu.

**France.**
Paris: „Vins de Palestine“ 68 Rue Bondy.

**Allemagne.**
Berlin: Gsll. „Palaestina“ St. Wolfgangs Str.

**Autriche.**
„Vienne: Gsll. Karmel“ II Taborstr.

**Angleterre.**
London: Palestine Wine Co. 11 Bevis-Marks

**Egypte.**
Alexandria: Nessler

**Amerique.**
New-York: Carmel Wine Co. 311 Fift. str. 357—359 Grand. str.

**Dänemark.**
Copenhague Société „Karmel“ Adolph Steensallee 5.

**Bulgarie.**
Sofia, Société „Carmel“ Tscherweni Rak.

**Palestine.**
Jaffa, Sté des Vignerons rue Boustros.
Jerusalem, Sté des Vignerons rue Jaffa




Этикетъ утв. правительствомъ.

627 אונזערע וויינען און קאניאקען איז צו בעקומען אין אלע גרויסע וויינהאנדלונגען אין גאנץ רוסלאנד.

## אין קוראָרט מעראן

קענען יודען איינשטעהן ביי יהושע סאנדאמירסקי פון קרעמענטשוג, וועלכער האט זעהר שענע צימערן מיט באלקאנען און מיט עלעקטרישער בעלייכטונג און בעהאנדעלט זעהר פריינדליך און נעמט בילינע פרייזע.

אדרעסע: G. Sandomirsky, Kurort Meran, Villa Friedrich

37 37



## גענען מערידען און פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך
אהנע אפעראציע פרייז 2 ר' 50 קאפ.




598 **Д. МОШКОВСКІЙ**, Варшава, **Налевки 37.**

37 37

אלע סארטען

## פילצשטאפען

צור פאבריקאציאן פאן פאנטאפעל, היטען אד"ג. עמפפעהלט:

ROBERT WILCZYŃSKI

ווארשוי לעשנא נו' 4.

דאזעלבסט בעקאמט מאן נעהמאשינען דירעקט אויס די פאבריקען בערנהארד סמעווער, גריצנער עט ווינזעלמאן.

589

פרייזקוראנטען גראטיס און פראנקא.

Годъ II. *ИЗДАНІЕ ІОСИФА ЛУРЬЕ. СПБ.* Годъ II.

## ЕВРЕЙСКІЙ ЕЖЕГОДНИКЪ

На 5663 תרס"ג отъ с. м. 1902—1903 годъ.

СОДЕРЖАНІЕ:

*ОТДѢЛЪ I. Календарь на 5663 годъ. Обзоръ Еврейскихъ праздниковъ. Статистическія свѣдѣнія о евреяхъ въ Россіи. Данныя переписи 1897 г. Движеніе населенія. Отчетъ о воинской повинности. Сравнительныя таблицы русскаго и еврейскаго календарей. Еврейская хронологія. Законы о евреяхъ (подробно о правѣ жительства). Лѣтопись за прошлый годъ. Россійскій Императорскій Домъ. Некрологи. Юбилеи.*

*ОТДѢЛЪ II. Исаакъ Эртеръ. Очеркъ. Д-ра Л. С. Каценельсона. Онколь. Разсказъ. С. Ярошевскаго. М. Лебензонъ. Очеркъ. С. М. Гинзбурга. Оторванные. Повѣсть Л. О. Гордона. Поэтъ Л. О. Гордонъ. Очеркъ. І. Н. Прилуцкаго. Записки сумасшедшаго Исролика. Менделе Мейхеръ Сфоримъ. М. М. Антокольскій. Д. Г. Маггида. Кровавые навѣты на русскихъ евреевъ въ XIX в. С. М. Лившица. Внутренная жизнь еврейскихъ школъ въ царствованіе Николая I. П-ъ. Доктора! Штука въ 1-мъ дѣйствій, Шоломъ-Алейхема. Современная литература. Критич. очеркъ. І. Красного. Жаргонный читатель и его характеристика А. В. Котика. Д-ръ Л. С. Пинскеръ. Очеркъ. Г. Н. П—аго. Школьное дѣло. М. Н. Крейнина. Сіонистское обозрѣніе. Г. Н. П. Евреи—дѣти боярскіе. С. М. Гольдштейна. Палестинское обозрѣніе. Г. Н. П. ИЛЛЮСТРАЦІИ: М. М. Антокольскій, Олленштейнъ, Манделькернъ, Фридбергъ, Лебензонъ, Гордонъ, Пинскеръ, Защитники Блондеса: П. Г. Мироновъ и О. О. Грузенбергъ, Я. Тейтель. Снимки со статуй Антокольскаго: Еврейскіе типы. (Портной, Скупой). Споръ о талмудѣ. Натанъ Мудрый. Объявленія.* 645

*Адреса: 1) Іосифъ Лурье, С.-Петербургъ, Торговая улица 48.*
*2) Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.*

ЦѢНА 1 РУБЛЬ.